STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07363

MON BLUMEN

Leah Kapilowitz Hofman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מאָן בלומען

קינדער אין פּערזן

פון
לאה קאַפּילאָוויטש האָפמאַן

ארויסגעגעבן פון
דעטרויטער אָרדן שולן לייען קרייזן
1941

POPPY FLOWERS

CHILDREN IN VERSE

By Leah Kopelovitch Hoffman

Copyright 1941
By LEAH K. HOFFMAN
Los Angeles, California

Photo Montage by William Kessner

Published by

Orden School Reading Circles of Detroit

איך ווידמע דאָס בוך

צו מיין פּלימעניק הענרי גרין
וואָס כאָטש ער איז נאָך קליין און דין,
איז גרויס זיין קליינינקער פאַרשטאַנד,
אַ חכם אין זיין אייגן לאַנד.

אַ לאַנד פון קינדער שטיפעריי
וואו קיין זאַך גייט אים ניט פאַרביי,
ווייל אים איז וויכטיק יעדע זאַך
און לערנען לערנט ער אַ סאַך.

און שיין איז ער ווי אַלץ וואָס בליט
און זיס און זאַפטיק זיין געמיט
און שאַרף געשליפן איז זיין צונג
וואָס מאַכט די אַלטע ווערטער יונג.

און הערן וואָס דאָס אינגל זאָגט
איז פונקט ווי קוקן ווי עס טאָגט
און ס׳קלינגען גלעקלאַך אין זיין קול
און גוט איז ער — ניט אַלע מאָל.

ער טשעפּעט אַלץ וואָס ער געפינט
און ס׳איז אין גרויס געפאַר די טינט.
און פאַרבט מען ערגעץ וואו אַ הויז,
געפינט עס מיין פּלימעניק אויס.

און אויסגעשמירט אין פאַרב איז ער
אַז אים איז צו דערקענען — שווער.
און ס׳קאָסט אים זייער פיל געוויין
ביז וואַן זיין מאַמע מאַכט אים ריין.

און ער זעט אויס ווי אַ „מיליאָן"
און גרייט איז ער בלויז גוטס צו טאָן.
אַ מלאך אין אַ ריינעם „סוט"
איז ער נאָך „בעסערער" ווי גוט.

די זיסקייט פון דער גאַנצער וועלט,
וואָס האָט זיך אין דעם קינד פאַרשטעלט,
איז מיין פּלימעניק הענרי גרין.
ווי גליקלאַך און ווי שטאָלץ איך בין.

ווען קליינע קינדער פּילן און טראַכטן

אַ מאַמע

מיין מאַמע ט׳מיך ניט ליב געהאַט
און האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר,
איז מיר געוואָרן זייער שלעכט
צו פילן אַז איך בין אַן איר.

זי האָט געזאָגט איך מעג זיין שלעכט,
ווייל איך בין שוין ניט אירער מער.
און איך האָב זיך געטראַכט צי קען
איר איינגל זיין אַן אַנדערער?

און וואָס-זשע וועט זי טאָן אָן מיר?
איך מיין דאָס קען גאָר ניט געשען,
ווייל איידער זי האָט מיך געהאַט
איז זי מיין מאַמע שוין געווען.

איך האָב געזען די זאַכעלעך
וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאַר מיר,
ווען איך האָב אָנגעהייבן זיין,
און זי האָט מיך דערפילט אין איר.

און זי׳ט מיך זייער ליב געהאַט,
נאָך איידער זי האָט מיך געזען
און אפשר דאַן ווען איך בין נאָך
אַפילו גאָר נישט ניט געווען.

און איצט ווען איך בין שוין אַ סאַך
און וואַקס און ווער אַ גרעסערער,
ווי קען זי זיין אַצינד אָן מיר?
דאָס וואָלט געווען זייער שווער.

און איך אָן מאַמען קען ניט זיין,
קיין איין און איינציקע מינוט
און כ'וויל זי זאָל מיך האָבן ליב
און איך וועל ווערן זייער גוט.

איך האָב מיין מאַמען דאָס געזאָגט
אין מיטן פון אַ גרויס געוויין,
און זי האָט מיך אַ קוש געטאָן

— — — — — — — — — — —

ווי גוט אַ מאַמע קען פאַרשטיין . . .

די אייביקע ליבע

האָב איינמאָל זיך באַרעכענט
ווי שלעכט עס וואָלט געווען,
ווען מאַמע ליבט מיך מער ניט,
וואָס וואָלט מיט מיר געשען?

בין איך אַף שנעל געלאָפן
און האָב זיך שיר צעקלאַפּט,
איך האָב מיין מאַמען האַסטיק
און פעסט אַרומגעכאַפּט.

און האָב איר שטאַרק געבעטן
און אָפּגעמאַכט זי זאָל
מיך האָבן ליב אַף אימער
און שטענדיק, אַלע מאָל.

און כאָטש עס האָט די מאַמע
שוין אָפּגעמאַכט מיט מיר,
האָב איך זיך נאָך געוואונדערט
און האָב געפרעגט באַ איר:

אויב איך וועל זיין אַ שלעכטע,
צי וועט זי קענען פאָרט,
ניט זיין אַף מיר אין כעס
און סיי ווי האַלטן וואָרט?

האָט מאַמע מיך פאַרזיכערט
און צוגעזאָגט האָט זי,
אַז אַלע מאָל ט׳זי מוזן
מיך האָבן ליב סיי־ווי.

און אויב כ׳וועל זיין אַ שלעכטע,
וועט ווי טאָן איר אַליין ;
זי׳ט ליידן און זי׳ט וואַרטן
ביז מיר וועט איבערגיין.

אַזעלכע איז מיין מאַמע.
איך וואָלט פאַר אַ מיליאָן
ניט קענען זיין אַ שלעכטע,
מיין מאַמען ווי צו טאָן.

מיין שיינע מאַמע

מיין מאַמע איז די שענסטע
וואָס כ׳האָב ווען עס איז געזען,
די אַנדער שיינע מאַמע
איז איר שוועסטער, טאַנטע ען.

מיין חבר זאָגט, זיין מאַמע
איז די פרוי מיט גרויע האָר;
די יונגע און די שיינע
איז בא אים אַ שוועסטער נאָר.

און איבערבייטן קען מען ניט,
מען דארף ניט, זאָגט ער מיר;
ער וויל גאָר ניט קיין שענערע
און אינגערע פון איר.

ווי מאָדנע ווי עס קענען זיין
די מאַמעס אַלערליי,
און ווי זיי האָבן ליב די קינדער
און די קינדער זיי.

נאָר איך קיין אַנדער מאַמען
וואָלט ניט ליב געהאַט, מיר דוכט,
כאָטש כ׳האָב איר ניט געקליבן,
ס׳האָט מיין פאַ איר אויסגעזוכט.

די שיינע שכנה

מיר האָבן אַ גוטע
אַ פריינטלאַכע שכנה,
אַ הויכע, אַ דינע
און זייער אַ שיינע.

זי שמייכעלט און רעדט
ווי אַ מואווי אַקטריצע,
עס רופט איר מיין מאַמע :
„די האַליוואוד פריצה.״

זי האָט מיך געדונגען
איך זאָל אין איר גאָרטן,
אויפקלייבן די שטיקלאַך
וואָס איך וואַרף אָן דאָרטן.

זי האָט מיר געצאָלט,
יעדן מאָנאַט אַ ניקל ;
אַז איך וואַרף ניט אָן
איז ניטאָ קיין איין שטיקעל.

און ס׳גלוסט זיך ניט וואַרפן
אַליין אויפצוקלייבן,
און ס׳ווילט זיך אָן ניקל
אַ מאָנאַט ניט בלייבן.

פונדעסטוועגן האָב איך
געוואָלט רעזיגנירן,
נאָר דאָס איז ניט מעגלאך
געווען אויסצופירן.

ווייל זי׳ט מיך געהעכערט
און צאָלט מיר צוויי ניקלאַך
און אָן מיר זאָגט זי,
וועט זי ווערן אומגליקלאַך.

אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר

בין נעכטן מיט מאַמען
געגאַנגען אין סטאָר
און לאַנג איז געווען
דער טאָג, ווי אַ יאָר.

עס האָט דאָרט מיין מאַמע
געקליבן אַ סאַך,
גערעדט און גערעדט
און באַטראַכט יעדע זאַך.

די סיילם ליידים האָבן
געבראכט גאַנצע פּעק.
זי האָט ניט געקויפט
און זי איז ניט אַוועק.

דאָס נעמט זייער לאַנג
און איך זיץ און איך זיץ,
עס האָט מיך געשלעפּערט
פאַר לאַנגווייל און היץ.

איך בין איינגעשלאָפן
און זייער געשמאַק;
מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט
איך ליג אין אַ פּאַק,

און אימיצער צינט אָן
דעם פּאַק און עס ברענט
און איך בין געבונדען
די פיס און די הענט

איך האָב זיך צעשריען
אַזוי ווי איך קען,
מען האָט דאָרט געמיינט
ס׳איז אַן אומגליק געשען.

איז מאַמע געקומען
צולויפן מיט שרעק,
איך האָב זיך געפרייט
וואָס מיר גייען אַוועק,

נאָר זי האָט געזוכט
און געקויפט אַן אַנטיק,
און איצט וועט מען דאַרפן
גיין טראָגן צוריק.

געפאַנגענע

מיר האָבן צימערן אַ סאַך,
פארפוצט און זייער שיין;
ס'איז דאָרטן ניט פאַר קינדער
און מיר טאָרן דאָרט ניט גיין.

מיר מוזן זיין אַ גאַנצן טאָג,
מיין ברודערל און איך,
צוזאַמען מיט דער מאַמען
אין דער ענגער קליינער קיך.

עס שטייען אין די צימערן
די לאָמפּן און די „סעטס"
און טאָמער גיט מען דאָרט אַ לויף,
דערלאַנגט מען זיי אַ זעץ.

און ס'גלוסט זיך זייער לויפן
ווען ס'איז דאָ אַזוי פיל פּלאַץ.
כ'האָב ליב די גלאַטקייט גלעטן.
ביז סע גיט זיך דארט אַ קראַץ.

און אויף דער גרויסער פּיאַנע
ווילט זיך מאַכן אַ קאָנצערט,
ווען מאַמע לאָזט מיר שפּילן,
נאָר זי שרייט אַז זי דערהערט.

מיין ברודער צינדט אָן לאָמפּן,
ער האָט ליב זען ווי עס ברענט,
און אַלע שיינע זאַכן מוז ער
טשעפּען מיט די הענט.

מע היט אונז און מע לאָזט אונז ניט
אַרויסגיין פון דער קיך,
מיר לעבן ווי געפאַנגענע,
מיין ברודערל און איך.

אַ פּאָרטרעט פון אַ ברודער

מיין קלענערער ברודער
האָט ליב צו זיין קליין;
ער פּיעסטעט זיך אימער
און עסט ניט אַליין.

עס אַרט ניט מיין מאַמען
זי זאָגט: „זאָל ער זיין
אַ פּיצעלע קינד
ביזן קאָלעדזש אַריין.

„און דאַן אויב ער׳ט זיין נאָך
אַזאַ „פיינער עסער״
וועט קאָרמענען אים דאָרט
אין קלאַס דער פּראָפעסער.״

מיין ברודערל זאָגט,
ער׳ט אין קאָלעדזש ניט גיין
מען דאַרף זיך דאָרט וואַשן
און האַלטן זיך ריין.

אפילו אין שול גיין
איז ער אויך ניט גערן;
ער׳ט מורא חללה
ער׳ט קלוגער נאָך ווערן.

ער לערנט זיך ווײנען,
ער ווײנט זייער אָפט;
די צייט ווען ער ווײנט ניט
איז נאָר ווען ער שלאָפט.

מיין ברודערל מיקי

מיין ברודערל מיקי, וואָס קען נאָך ניט ריידן,
איז קלוג און געראָטן און שיין,
נאָר שלעכט איז מיט אים וואָס ער קען גאָרנישט זאָגן
און וויל אַז מען זאָל אים פאַרשטיין.

ער אומ׳ט און ער אַ׳קעט און ווייזט מיטן הענטל,
עס דוכט זיך מע ווייס וואָס ער מיינט ;
מע טרעפט ניט, מע גיט אים נאָר דאָס וואָס ער וויל ניט,
ער איז ניט צופרידן און וויינט.

ער׳ט זייער ליב הערן און זען אַלע זאַכן
און אָנרירן אַלץ מיט די הענט ;
ס׳איז גוט וואָס ער קען נאָך ניט גרייכן דעם אייוון,
ער וואָלט זיך די הענטלאַך פאַרברענט.

ער׳ט זייער ליב עפענען אַלע שופלאָדן,
ארויסוואַרפן וואָס ער געפינט.
ער שטעלט צו אַ שטול און ער דרייט אָפּ די קראַנען,
ס׳געפעלט אים דאָס וואַסער וואָס רינט.

און פונקט ווי די קראַנען, ט׳ער ליב עראָפּלאַנען,
ער הערט זיי און שלעפּט אונז צו זען ;
עס פרייט אים אַזוי און ער וויל עפּעס זאָגן,
ווי גוט עס וואָלט זיין ווען ער קען.

מיין מאַמע זאָגט, מיקי האָט צייט זיך צו לערנען,
ער׳ט קענען, ווייל ער איז נאָך קליין.
מיר דוכט אַז צו ריידן דאַרף קיינער ניט לערנען,
עס רעדט זיך בײַ מענטשן אַליין.

גרויסקייט

כ׳בין שוין באַלד אַ גרויסער אינגל,
און איך מעג אין מוּאוויס גיין;
און זיך וואַשן און זיך אָנטאָן
לאָזט די מאַמע מיר אַליין.

נאָר מיין גרויסער ברודער יאָסל
איז אַ גרעסערער פון מיר,
ס׳איז דערפאַר ווייל ער איז זיבן,
איך בין נאָך דערווייל'ע פיר.

ס׳נעמט אַזוי פיל צייט צו וואַקסן,
ביז מען וואַקסט אַ גרויסער אויס.
נאָר ס׳ע לויענט זיך מסתמא,
ס׳איז אַ גליק צו ווערן גרויס.

כ׳וואונדער זיך, וואָס טוט מען נאָכדעם.
מיט דער גרויסקייט, מיט׳ן גליק —
אַז מען קען שוין מער ניט וואַקסן,
וואַקסט מען אפשר אַף צוריק?...

אַ שלעכטער אינגל

פון זינט איך בין אַ שלעכטער,
מסתמא ניט פון היינט,
בראַקיר איך מיטן עסן
און שלאָפן האָב איך פיינט.

און כאָטש איך מאַך געוואַלדן
און וויפיל איך בראַקיר,
דאָך עס איך אויף דאָס עסן
וואָס מאַמע שטעלט פאַר מיר.

און ווען מען לייגט מיך שלאָפן
איז כאָטש איך פּראָטעסטיר
פאַרמאַכט זיך מיר די אויגן
און שוין — ס׳איז אוים מיט מיר.

און אימער פירט אוים מאַמע;
איך מאַך זיך בלויז צו נאַר.
אַז איך קען גאָרנישט העלפן,
איז וויין איך כאָטש דערפאַר.

נאָר מאַמע האָט קיין צייט ניט
און הערט ניט ווי איך וויין.
און ס׳גלוסט זיך גאָר ניט וויינען,
ווען בלויז פאַר זיך אַליין.

און שלאָגן זיך מיט קינדער
איז ניט קיין גרויסער גליק,
ווייל איך האָב זייער מורא
זיי שלאָגן מיך צוריק.

און איך בין ניט צופרידן
ווייל גאָרנישט פיר איך אוים,
כ׳האָב נאָר איין איינציק מיטל
און דאָס איז ווערן גרוים.

און אויסוואַקסן אַ גרויסער,
איז ניט אין איין מינוט.
איז אפשר וואָלט זיין בעסער
ווען איך זאָל ווערן גוט.

אַ פּראָדעזשיי

מען זאָגט איך בין אַ „פּראָדעזשיי״,
ס׳איז וועגן מיין מוזיק.
איך ווייס נאָך ניט צו דאָס איז שלעכט,
צי גאָר אַ גרויסער גליק.

איך זע אַז אַלע זאָרגן זיך
פאר מיר און מיין טעכניק.
און מוזיקער באַטראַכטן מיך
ווי עפּעס אַן אַנטיק.

איך האָב אַ גרויסע פּיאַנע
און איך פּראַקטעציר אַ סאַך;
איך שפּיל שאָפּען און שוּבערט
און האָב אָנגעהייבן באַך.

כ׳וואָלט וועלן שפּילן שומאַן
און דעביוסי און ראַוועל;
און זיין אַ גרויסער קינסטלער
נאָר איך קען ניט וואַקסן שנעל.

מיין פּאַפּאַ זאָגט ס׳איז בעסער
וואָס איך בין נאָך זייער קליין.
איך זע ניט איין די בעסערקייט
און קען עס ניט פאַרשטיין.

צו זיבן אַפּן אַכטן

כ׳בין זיבן יאָר געוואָרן
און איך גיי שוין ווערן אַכט,
כ׳קען לייענען און שרייבן
און קען זאָגן וואָס איך טראַכט.

און טראַכטן קען איך זייער פּיל
פון וואָס איך זע און הער.
און דאכט זיך אַז איך וויים אַ סאַך,
נאָר ס׳ווילט זיך וויסן מער.

איך פרעג אַלצדינג באַ מאַמען,
ווייל זי וויים פון יעדע זאַך.
מיר דוכט זי וויים שוין אַלעס,
נאָר זי לערנט נאָך אַ סאַך.

זי רעדט מיט גרויסע ווערטער
און איך זאָג זיי נאָך פארקערט,
זי לאַכט, נאָר ס׳וואָלט זיין בעסער
ווען זי וואָלט זיי מיר דערקלערט.

זי זאָגט מיר אַז זי קען ניט
און עס איז נאָך צייט גענוג;
צו זיבן אַפּן אַכטן,
איז שוין צייט צו ווערן קלוג.

צוויי אין איינס

מיין מאַמע איז אַ וועגעטאַריער
און קאָכט פאר פּאַפּאַן פליש און פיש;
און איך וויל זיין אַזוי ווי מאַמע,
נאָר איך בין עפּעס אַ געמיש.

איך ווייס איך דאַרף קיין פליש ניט עסן,
נאָר ס׳גלוסט מיר, עס איך עס סיי ווי;
מיין מאַמע זאָגט אַז איר גלוסט ניט,
ווי גוט עס איז צו זיין ווי זי!

מיין פּאַפּאַ איז ווי אַלע מענטשן,
און מאַמע ז׳אַנדערש און אַליין.
מיר דוכט איך פיל אַזוי ווי מאַמע,
און קען איר זייער גוט פאַרשטיין.

און כ׳האָב איר ליב אַזוי ווי פּאַפּאַ׳ן,
און דאכט זיך נאָך אַביסל מער;
און דאָך צו זיין אַ וועגעטאַריער,
איז מיר אַזוי געוואלדיק שווער.

צו וועלן זיין אַזוי ווי מאַמע,
זאָגט פּאַפּאַ, איז סיי ווי ניט גוט,
ווייל איך וועל פילן וועגעטאַריש,
און עסן פליש, ווי יעדער טוט.

„וועל זיין האַלב פיש האַלב טשערעפּאַכע,
ס׳איז ניט אַהין און ניט אַהער,״
זיין צוויי אין איינס ווי „שוך-פּאָמאַדע״
קען איך שוין אויך ניט דולדן מער.

איך האָב באַשלאָסן שטאַרק ווי אייזן,
און שטאַרקער נאָך, אַזוי ווי שטאָל,
וועל מער קיין פליש און פיש ניט עסן,
נאָר נאָך איין מאָל און נאָך איין מאָל...

באַבי אונזער פויגל

ס'איז באַבי אונזער פויגל,
אַ מתנה פאַר מיין מאַמען;
ער וואוינט אין שטייג און מיר אין הויז,
דאָך וואוינען מיר צוזאַמען.

מיר האַלטן אים געפאַנגען
און מען מוז אים געבן עסן,
ער הונגערט און ער פישטשעט,
ווען עס מאַכט זיך מיר פאַרגעסן.

נאָר ער איז דאָך אַ גוטער „ספּאָרט",
ער'ט זייער ליב זיך באָדן;
מיין מאַמע האָט אים זייער ליב,
זי גיט אים שטיקלאך פלאָדן.

און ער צעזינגט זיך זייער שיין,
אַף קאָל'ראַטור סאָפּראַנאָ,
אָן נאָטן און אָן „פּראַקטעסן"
אַפילע אָן אַ פּיאַנאָ.

און זינגען האָט ער ליב נאָר דאַן,
ווען ס'נעמט די ראַדיאָ שפּילן;
מען זעט אַז ער האָט ליב מוזיק
עס מאַכט אים עפּעס פילן.

אַ וואונדער צו ער׳ט חשק איצט
פון אונז אַוועקצופליען?
ער האָט דאָך קיין פאַמיליע ניט
איז ווער וועט אים דערציען?

און ווער׳ט אים האָבן ליב ווי מיר
און ווער׳ט אים עסן געבן?
נאָר אפשר איז אים פאָרט ניט גוט
אין שטייג פאַרשפאַרט צו לעבן?

מיין מאַמע זאָגט, עס אַרט אים ניט,
ער וויל שוין פריי ניט ווערן,
אַבי ער קען זיך זינגען
און ס׳איז דאָ ווער ס׳זאָל אים הערן...

די וואַלד־סימפאָניע

אין וואַלד איז אַ פויגל סימפאָניע,
פון פייפלען און פיאָלן אַ סאַך ;
דאָסריידן זיך דורך אַלע פויגל,
און שיין איז די פויגעלשע שפּראַך.

די וויפּורווילס זיינען סאָליסטן,
קוקאַווקעס קוקאַווקענען צו ;
עס שרייען פון ווייט ווילדע קאַטשקעס,
באַהאַלטענערהייט ערגעץ וואו.

און ס'רוישן די ריזיקע בוימער,
זיי שושקענען זיך אין דער הויך.
זיי זיינען פון האָלץ און פון בלעטער,
דאָך ערגעץ וואו פילן זיי אויך...

דער וואַלד האָט קיין מויל ניט צו ריידן,
נאָר צווייגן וואָס רוישן אין ווינט ;
און דאָך ווי אַ ריזיקער טאַטע,
פאַרוויגט ער זיין גרויסע געזינט.

באַטאָג איז זיין גרויסע משפחה,
פאַרזונגען, פאַרשפּילט און פאַרשטיפט ;
באַנאַכט זיינען פויגעלאַך מידע,
אין רוען און שלאָפן פאַרטיפט.

נאָר ווי עס הויבט אָן צו באַגינען,
דערוואַכן די פויגעלאַך באַלד ;
און גרייט זיינען אַלע אַרטיסטן,
צעשפּילט זיך סימפאָניש דער וואַלד.

פּענאָקעאָ

פּענאָקעאָ, אַ פּאַפּעט־קינד,
וואָס איז געמאַכט פון האָלץ
האָט זייער שיין געטאַנצט
און איז געווען זייער שטאָלץ,
וואָס ער וועט זיין אַ אינגל
וואָס איז אמת׳דיק רעאַל,
ווי ס׳האָט געזאָגט צו אים
די פעע פון לבנה שטראַל.

נאָר ער וועט דאַרפן לערנען זיך
און ווערן זייער גוט,
און טאָן די גוטע זאַכן
וואָס אַן אמת אינגל טוט.
דעם אונטערשייד פון גוט און שלעכט
האָט ער נאָך ניט געוואוסט,
ווייל ער האָט אַלע מאָל געטאָן
נאָר דאָס וואָס ער׳ט געמוזט.

און אַז ער האָט געוואָלט זיין
זייער גוט און זייער פיין,
האָט זיין געוויסן, דזשימיני,
געדאַרפט זיין פירער זיין.
און דזשימיני דער גרילעכל,
אַ חכמ׳ל אַ שיינס,
וואָס רעדט פון אַלע זאַכן כאָטש
ער איז נאָך גאָר אַ קליינס,

ז׳אים נאָכגעלאָפן אומעטום
וואו ער האָט נאָר געקענט,
און איז געפאָרן אַף אַ הוט
און איז אַדורך דורך ווענט.
דורך אַלערליי ספּאַרונעס
האָט ער זיך אַדורכגעשפּאַרט,
פּענאָקעאָן געפונען
אין אַ שטייג אַריינגענאַרט.

וואו ער'ט געווײנט מיט טרערן
וואָס זײ האָבן זיך געגאָסן,
און ס'איז געווען דער שטײג
אַזוי געוואַלדיק צוגעשלאָסן.
און דזשימיני דער קלײנינקער
און קלוגינקער געווּיסן,
האָט ניט געקענט דעם אַלטן
אָן פּאַראָסטן שלאָס אָפּשליסן.

אַ גליק וואָס ס'איז די פּעע
אָנגעקומען פּונקט אין צײט,
פּענאָקעאָן פון שטײג און פון
טראַמבאָלים הויז באַפרײט.
אַ פּאָפּעט האָט קײן מאַמען ניט,
אַ פּאַפּאַ האָט ער בלויז;
איז ער געלאָפן קוים געטראָפן
צו זײן פּאַפּאַס הויז.

האָט פּאַפּאַן ניט געפונען,
איז אים זײער שלעכט געווען;
אַ שרעק איז אים באַפאַלן
וואָס מיט פּאַפּאַן איז געשען.
דאָס װײנען און דאָס שרײען
איז אַ נאַרעשקײט סײ ווי,
איז ער געלאָפן זוכן אים
מיט מאַטערניש און מי.

זײן פּאַפּאַן ט'ער געפונען
אין אַ שיף באַ'ן פיש אין בויך;
ער האָט צעלײגט אַ פײער
האָט דער פיש געהוסט פון רויך.
דער פיש האָט אויסגעהוסט די שיף
אין טיפן ים אַרײן.
אַזעלכע גרויסע נסים קען
אין מעשה'לאך נאָר זײן.

און פון אַזאַ מין אַוואַנטורע
וואָס איז זייער גרויס,
און ס'קערן זיך די וועלטן,
קומט קיין גוטעס ניט אַרויס.
אַ טויטער איז פענאָקעאָ
געלעגן אַף זיין בעט,
אַ שטיקל האָלץ איז ער געווען,
דער קלוגינקער פּאַפּעט.

קאַפּעטאַ, זיין געטרייער פּאַ,
האָט זייער שטאַרק געוויינט;
פענאָקעאָ אַף אייביק טויט,
האָט יעדערער געמיינט.
נאָר ס'האָט זיין פּאַפּאַ אים געבעטען
מיט אַזעלכע רייד,
אַז ס'האָט פענאָקעאָ געמוזט
אים פאָלגן טויטערהייט.

ער האָט די אויגן אויפגעמאַכט
און אויפגעלעבט צוריק,
און יעדער האָט געפרייט זיך
מיט קאַפּעטאָס גרויסן גליק.
פענאָקעאָן פאַר העלדישקייט,
ט'מען זייער גוט באַצאָלט,
ער איז געוואָרן אמת'דיק
אַזוי ווי ער'ט געוואָלט.

נאָר איך האָב זיך געוואונדערט
און איך האָב אַ סך געטראַכט,
איך וויים עס האָט קאַפּעטאָ
זיין פענאָקעאָן געמאַכט,
און פריער נאָך פון אַלעם
מוז אַ קינד געבאָרן זיין,
און אָן געבאָרן לאָזט די וועלט
די קינדער ניט אַריין...

די ליבע שטפערלאך

אַ ליבער שטיפער

איך האָב פיינט זיצן ליידיק,
איך מוז עפּעס טאָן;
כ׳האָב גענומען אַ טישטוך,
געמאַכט זיך אַ פאָן.

האָב מאַרשירט דורך די גאַסן,
אַזאַ גרויסע שטיק,
ביז די פאָן איז געוואָרן
אַ טישטוך צוריק.

ווייל מיין מאַמע ט׳געזאָגט
זי ט׳דעם טישטוך געפּרעסט
און ס׳איז ניט פאַר אַ פאָן
און זי האַלט עס פאַר געסט.

און אז איך בין געבליבן
אין מיטן פון מאַרש,
האָב איך כאַטש פאַר פאַרדרוס
געוואָלט נאַשן אַ קאַרש.

האָט די מאַמע געזאָגט
ס׳איז די קאַרשן פאַר וויין
און איך זאָל מער קיין נאַשער
און שטיפער ניט זיין.

ס׳איז איר גוט דאָס צו זאָגן,
זי טוט וואָס זי וויל
און איך דאַרף זיצן ליידיק
און רואיק און שטיל.

איך קען קיינמאָל ניט רוען
איך ווייס ניט וואָרום,
נעם איך דרייען דעם טיש
ביז ער קוליעט זיך אום.

ס׳האָט געגעבן אַ קלאַפּ,
האָט מיין מאַמע דערהערט
און איך בין ניט געשטאַנען
און האָב ניט געקלערט.

כ׳בין געשפּרונגען די שטיגן
צוויי טרעפּ אַף אַמאָל
און איך האָב זיך צעשריגן
גאָר הויך אַפן קול.

אין דרויסן איז פריי
און ס׳איז אַלעמענס וועלט,
נאָר מען קען ניט זיין לאַנג
אָן דער מאַמען און קעלט.

כ׳בין געזעסן אַליין
און געוויינט אַף אַ שוועל,
ס׳איז אַ גליק וואָס די מאַמע
ט׳מיך אויפגעזוכט שנעל.

טאַלאַנטן

מיין שוועסטער און איך זיינען פריילאך
עס האָט אנז געטראָפן אַ גליק.
מיר זיינען ניט מער קיין טאַלאַנטן
מיר גיבן אויף אונזער מוזיק.

ס׳איז איינמאָל געקומען אַ לערער
און ער האָט אַנטדעקט מיין טאַלאַנט,
נאָר איך האָב ליב רעדלאַך און שרויפן
די פידל ז׳מיר ניט צו דער האַנט.

מיין שוועסטער האָט ליב אונזער פּיאַנאָ,
אַ פּיאַנאָ זעט אוים זייער שיין;
פאַרוואָס אָבער דאַרף מען עס שפּילן,
דאָס קען איך און זי ניט פאַרשטיין.

פאַר „פּראָקטעסן" האָט אונז די מאַמע
געגעבן אַ ניקל אַ שטיק.
נאָר מיר וואָלטן בעסער געאַרבעט
אין שאַפּ, אָדער אין פאַבריק.

אַ שטיפּערס שטאַנדפּונקט

אברהמ׳עלע דער שטיפּער,
וואָלט וועלן זיין געבילדעט;
ער האָט נאָר קיין געדולד ניט
און לויפט ארום צעווילדעט.

נאָר ער וואָלט וועלן וויסן
וואָס ער פאַרשטייט אַ האָר ניט,
וואָס רייכע האָבן צופיל
און אָרימע האָבן גאָרניט.

זיין אָנקל הענאָך וויים עס
און וויל עס אים דערקלערן;
אברהמ׳ל אָבער האָט ניט
קיין צייט אים אויסצוהערן.

ער וויים אַז גרויסע וויסן,
פאַרשטייען אַלע זאַכן;
און זאָגן אַז ס׳איז נויטיג
די וועלט צורעכט צו מאַכן.

זיי ריידן נאָר און ריידן,
שטודירן און שטודירן;
זיי גייען צו קאָנצערטן
און נאָר זיי דיסקוטירן.

אברהמ׳ל איז פאַרוואונדערט,
ווייל ער פאַרשטייט אַ האָר ניט,
צו וואָס מען דארף אַלץ ריידן
אַז סיי ווי טוט מען גאָר ניט...

פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס

ווען איך וואָלט דאַרפֿן לייענען
מיין מאַמעס גרויסע ביכער,
וואָלט איך די בילדער בלויז געזען,
דאָס וואָלט געווען גיכער.

איך ווייס ניט ווי מיין מאַמע זיצט
און לייענט גאַנצע שטונדן ;
מיר דוכט איך וואָלט ניט זיצן ווען
מען וואָלט מיך צוגעבונדן.

איך שטיף מיט אַלע שטיפער
און מיר לויפן ווי די ריחות ;
איך דאַרף ניט ווערן קיין טאַלאַנט,
ס'איז ניט באַ מיר קיין יחוס.

איך דאַרף בלויז דעקלאַמירן
און איך טו עס גאָר ניט גערן ;
איך זאָג עס אָפּ אַף שנעל אַז איך
זאָל גיכער פאַרטיק ווערן.

מיין בוך דערקען איך זייער שנעל
ס'איז פול מיט אייז-קרים פלעקן.

אַ וואונדער צו מען עסט אַף ביכער
אין די ביבליאָטעקן.

אַ מיידעלע וואָס אײַלט זיך

כ׳בין אַלע מאָל אין אײַלעניש
און דריי זיך ווי אַ ווײַכער,
און אַלצדינג טו איך זייער גיך
נאָר כ׳קען ניט וואַקסן גיכער.

און עסן האָב איך ניט קיין צײַט
און כ׳ווייס ניט וואָס צו וועלן.
מײַן מאַמע דרייט דעם קאָפּ און קען
מיך ניט צופרידן שטעלן.

און שלאָפן גיין איז אויך ניט גרינג,
כ׳האָב פֿײַנט זיך לייגן שלאָפֿן;
כ׳וואָלט וועלן שלאָפן זייער שנעל
און מיט די אויגן אָפֿן.

ס׳איז דאָ אַ סאַך פֿאַר מיר צו טאָן,
אַ סאַך צו זען און הערן.
ס׳וועט נעמען אפשר טויזנט יאָר
ביז איך וועל פֿאַרטיק ווערן.

אַ מואווי שטערן

די מאַמע האָט באַשלאָסן
אַז איר שרה׳לע זאָל ווערן
אַ זינגערן, אַ טענצערן,
אַ גרויסע מואווי-שטערן.

נאָר זי האָט ליב צו שטיפן
און אָף וועגענער זיך הענגען
און שטענדיק לויפט מען נאָך נאָך איר
פון גאַס אַריינצוברענגען.

די מאַמע מוסרט איר אַ סאַך
און פרעגט איר, זאָל זי זאָגן,
צי פּאַסט עס פאַר אַ „מואווי סטאַר״
זיך הענגען אָף אַ וואָגן?

און וואָס וועט זיין וואָס זי האָט ניט
געפּראַקטעצירט דעם „לעסן״,
זי מאַכט אַ טעל פון איר טאַלאַנט,
זי וועט דאָך אַלץ פאַרגעסן.

גיט שרה׳לע זיך שטאַרק אַ יאָג
שנעל אָפּצופּראַקטעצירן.
זי קלאַפּט די פּיאַנע זייער שטאַרק
און שרייט באַ׳ן דעקלאַמירן.

די מאַמע פרייט זיך זייער שטאַרק
וואָס אַלע שכנים הערן
און זי איז שטאָלץ מיט שרה׳לען,
וואָס וואַקסט אַ מואווי-שטערן.

די טאַנטע

ס׳האָט וועלוועל זייער מורא
פאַר זיין הייזעריקער טאַנטע,
אַ בייזע, אַ „נערווייזע״
און אַ ניט קיין אינט׳רעסאַנטע.

און ווי די טאַנטע קומט צוגיין
און הייבט אים אָן „דערציִען״,
פארווילט זיך אים אַן עראָפּלאַן
אַף שנעל אַוועקצופליען.

נאָר ער קען קריגן בלויז אַ טראָק.
ער ענגט זיך אָן פון הינטן.
אַז מאַמע זוכט אים איז ער שוין
„פּאַרפלויגן מיט די ווינטן״.

מען זוכט אים און מען זוכט אים
און מען קען אים ניט געפינען.
די מאַמע אַ צעטראָגענע
גייט שיר אַראָפּ פון זינען.

עס ברענגט אים אַ פּאָליסמאַן
און די פרייד איז זייער גרויס,
נאָר ווי ער זעט די טאַנטע,
כאַפּט ער ווידער זיך אַרויס.

אין הויז און אין גאַס

אין הויז מיט די פענסטער פאַרמאַכט
און זאַכן אַ סאַך אָנגעשטעלט,
איז אַלץ ווי מיין מאַמע ט׳געמאַכט
ס׳א וועלט וואָס מיין מאַמען געפעלט.

ס׳איז רואיק און שטיל און פאַרפוצט,
ס׳איז ווי אַ געמאָלענע בילד ;
אַביסל אַ שפיל טאָן זיך דאָרט,
דאָס הייסט באַ דער מאַמען זיין ווילד.

ס׳איז שלעכט פאַר אַ אינגל זיין גוט,
איך קען זיך ניט געבן קיין ריר ;
איך דאַרף גיין פּאַמעלאַך און שטיל,
און דאָס איז אומעגלאַך פאַר מיר.

איך שפיל זיך און טומעל סייווי,
און לויף אין די מעבל אַריין,
צעשלאָג זיך, און מאַמע איז בייז,
איך וויל שוין אין הויז מער ניט זיין.

אין דרויסן איז לופטיק און פריי,
די גאַס איז דאָך אַלעמענס וועלט ;
נאָר אַלע מאָל זיין אַפן גאַס
און לויפן און טאָן וואָס ס׳געפעלט,

איז אויך ניט וואָס איך וואָלט געוואָלט,
זיך שפילן אין גאַס וויל איך בלויז,
און וואוינען זעט אוים אַז מען מוז
צוזאַמען מיט מאַמען אין הויז.

ער ווייס ניט וואָס ער וויל

אויסגעפּאַטשקעט, אויסגעמורזשעט
זיצט נחמיה אויפן דיל,
זיצט און קרימט זיך און ער נודיעט
ווייל ער ווייסט ניט וואָס ער וויל.

אַלע צאַצקעס ליגן עלענד,
שטאַרק צו'מזיק'ט אויף דער ערד,
ס'האָט דער העלפאַנט שוין קיין נאָז ניט
און עס פעלט דער עק באַ'ן פערד.

ס'האָט די באַן שוין ניט קיין רעדער
און אָן פליגלען ליגט די מיל;
אָן קלאַווישן ליגט די פּיאַנאָ
אָן אַ גוף דער אָטאָמאָביל.

ס'ליגט דער הירש אָן, פּיס אָן הערנער,
און דער טעדי אָן אַ קאָפּ.
און דאָס קעצעלע אָן וואָנצן
און איר עק פאַלט אויך אַראָפּ.

נחמיה האָט געוואָלט די זאַכן
און מען האָט זיי אים געבראַכט,
נאָכדעם האָט ער שווער געאַרבעט
ביז ער'ט זיי צורעכט געמאַכט.

איצטער נודיעט אים באַ'ן האַרצן
און ער כליפּעט אין דער שטיל.
ווייל סע מאַטערט אים דער וועלער,
און ער ווייס ניט וואָס ער וויל.

אָרימער פּרינץ

פּרינץ, אונזער הינטל,
איז קלוג און איז שיין;
ער פאַרשטייט וואָס מען רעדט,
נאָר ער רעדט ניט אַליין.

דערצייל איך אים מעשיות
און ער הערט זיך איין,
מיר קוקנדיג גלייך
אין די אויגן אריין.

כ׳דערצייל אים ווי גרויס,
און ווי ווייט איז די וועלט;
ער וואונדערט זיך שטאַרק
מיט זיין צונג אויסגעשטעלט.

כ׳דערצייל אים, אַז פּאַפּאַ
איז שטאַרק ווי אַ ריז,
און וואָס פאַר אַ גוטער
דער דזשעניטאָר איז!

אַז נעכטען האָט ער מיר
געגעבן אַ שרויף,
וואָס ער האָט געפונען
באַ זיך אויפ׳ן הויף.

אָט איז ער דער שרויף,
ס׳איז פון אמת׳ן צין,
אַך, ווען איך זאָל האָבן
צו דעם אַ מאַשין!

פרינץ, ער פאַרשטייט
און ער שאָקלט דעם עק,
און מיט אַמאָל כאַפּט ער
און לויפט גאָר אַוועק.

און איך זיץ אַליין
און איך טראַכט און איך טראַכט,
איך דערמאָן זיך, אַז קיינמאָל
האָט פרינץ ניט געלאַכט.

ער האָט ניט קיין מאַמען
און וויינט דורך די נעכט;
אַ הונט צו זיין מוז טאַקע
זיין זייער שלעכט.

און כ׳פריי זיך וואָס איך בין
קיין הונט ניט, ווי ער;
פאַר מיר זיין אַ הונט וואָלט
געווען זייער שווער...

אַ מעשה׳לע

עס האָט אַמאָל אַ קיעלע
אָן אמת׳ע זשעניעלע
אַף דער לבנה זיך פאַרגאַפט
און האָב געוואָלט לבנה־זאַפט.

איז איינמאָל, אין אַ שיינער נאַכט,
איז זי געגאַנגען און געטראַכט,

און מיט אַמאָל האָט זי דערזען
ווי די לבנה איז געווען
אין עפּעס איינגעטונקט, אין פאַס,
וואָס איז געשטאַנען אַף דער גאַס.

אַ געלע און אַ רונדע שטיק,
אַזאַ מין פרייד, אַזאַ מין גליק!

אי זאַפטיק און אי פעט און זיס
און ס׳ליגט דאָ באַלד באַ אירע פיס.
האָט זי געגעבן שנעל אַ זופּ
און האָט דערלאַנגט דאָס פאַס אַ שטופּ.

אַזאַ מין שוידערלאַכן טעם!
לבנה עסן, איז ווי סם!

און מער האָט שוין דאָס קיעלע,
דאָס קלוגינקע זשעניעלע,
אַף דער לבנה ניט געגאַפט,
זי האָט געהאַסט לבנה־זאַפט...

די צופרידענע קו

די צופרידענע קו
שטייט אין פעלד און זי קייט,
זי טוט עס פּאַמעלאַך,
זי האָט גענוג צייט.

די חבר'טעס אירע,
אַזעלכע ווי זי,
צופרידענע רואיקע,
פרידלאַכע קי.

זיי שטייען און דרייען
דאָס מויל ווי אַ מיל
און עסן באַ זיי,
איז דער נאָבעלסטער ציל.

פון שענסטן און בעסטן,
אַף לאָנקעס פאַרשפּרייט,
מיט גראָז און בלומען
די סעודה געגרייט.

אין גוטע געזעלשאַפט,
פאַרטרוימט און פאַרטראַכט,
גייט אָן זייער „לאָנטש״
פון דער פרי ביז באַנאַכט.

עס מאַכט זיך אַמאָל
עס פאַרבענקט זיך די קו,
דערלאַנגט זי אַ סאָלאָ
איינטאָניק: „מאוּו!״

זי קייט נאָדכעם ווידער
מיט גרויס אַפּעטיט,
פֿאַרזיסט מיט אַ בלימל,
דאָס האַרץ און געמיט.

מיט גראָז און מיט בלומען,
מיט זאַטקייט און רו;
איז טאַקע צופרידן
און גליקלאַך די קו.

אַזוי יעדן טאָג,
און אזוי יעדן יאָר;
זי עסט און זי טרינקט
און האָט קעלבלאַך אַ פּאָר.

און רייך איז איר מילך
מיט די שטראַלן פון זון,
עס טרינקען עם קינדער
און וואַקסן דערפון.

און ווערן ענערגיש
און לערנען זיך גוט;
וואָס מער ווייסע מילך —
איז אַלץ רויטער די בלוט.

שוואַנען ניט פון באַלעט

כ׳האָב געמיינט עס זיינען שוואַנען
פּאָר באַלעטן אויסגעטראַכט;
האָב אַזוי געמיינט ביז וואַנען,
ס׳האָט מיין מאַמע מיר געבראַכט.

צו אַ טייכל אין אַ גאָרטן,
זיינען שוואַנען דאָרט געווען;
דעמאָלט האָב איך טאַקע דאָרטן
שוואַנען אמת׳ע געזען.

אמת׳דיקע טייכן־שוואַנען,
שווימען קלאַסיש און גראַציעז;
העלדזער ווי די סעקסאָפאָנען,
דזשעזעווען באַ זיי ווי דזשעם.

ווי זיי פּיקן מיט די שנאָבלען,
גאָר ניט לויט דער עטיקעט.
זיינען שלעכטע אימיטאַציעס,
פון׳ם קלאַסישן באַלעט . . .

אונזערע פריינט די מאַשינען

די ראַדיאָ

אז מיין מאַמע דרייט די ראַדיאָ,
ווייל זי הערן נאָר מוזיק;
פּאַפּאַ קען מוזיק ניט הערן,
גייט ער און פאַרדרייט צוריק.

און מיין ברודער הערט זיין „באָלגיים",
מאכט דאָס מאַמען שטאַרק נערוועז;
און מיין שוועסטער ווילט זיך טאַנצן,
גייט זי און זי שטעלט אָן דזשעז.

איך האָב ליב צו הערן מעשות,
שרעקלאַכע און וואָס מע גיט;
לויפט מיין פּאַפּאַ נאָך די נייעס,
שלאָגט ער איבעד אין דער מיט.

און די באָבע וויל חזנות,
פונקט ווען ס'קומט אָן אַ קאָנצערט;
זיינען אַלע ניט צופרידן
ווען די מאַמע זיצט און הערט.

ס'איז באַ אונז אַזאַ משפחה,
יעדער האָט זיך זיין פּראָגראַם;
וואָס באַ איינעם פאַרגעניגן,
איז גאָר באַ דעם צווייטן סם.

מיר עסן אַ קאָנצערט

מיין מאַמע האָט אַן אויוון,
זי רופט עס אַ „ברילִיאַנט”
ס׳איז זייער קלוג און קונציק
און ס׳איז אינטערעסאַנט.

ס׳האָט בלישצענדיקע דייעלס
און לייכטענדיקע ווענט;
עס אַרבעט אָפן זייגער,
עס איז אינטעליגענט.

און אַף דעם אויוון קאָכן,
וואָלט קיינער ניט געקענט;
די קינסטלערין מיין מאַמע,
זי קען איר אינסטרומענט.

ווי שיין זי קאָכט דאָס עסן
און ווי געשמאַק עס ווערט!
ס׳איז קאָכן אַף דעם אויוון,
ווי שפּילן אַ קאָנצערט.

און אַז די קונסט איז פּאַרטיק,
איז גרויס דער אַפּעטיט ;
און ס׳ווילט זיך אַפּלאָדירן
דאָס עסן וואָס מען גיט.

דער אייוון קאָסט אונז טייער,
עס האָט אָבער די ווערט ;
ווייל ס׳איז אַ פאַרגעניגן
צו עסן אַ קאָנצערט.

אַ רייזע אין אַן עראָפּלאַן

פון אינעווייניק
אין די עראָפּלאַנען,
זיצן אַלע רואיק
ווי אין באַנען.

און כאָטש עס איז
אַ טומל פונ׳ם מאָטאָר,
הערן אים די פּאַרער
ווי דעם קאָטער.

און קיינער האָט ניט מורא
פאַר געפאַרן
מען שמועסט און מען
רויכערט דאָרט ציגאַרן.

דאָס עסן איז דאָרט
זייער שטאַרק מאָדערן
און שיין איז עס,
עס פינקעלט ווי די שטערן.

און ס׳איז געשמאַק,
אַז ס׳איז אַ פרייד צו עסן.
די „סטואַרט" איז
אַ זויבערע פּרינצעסן.

און אַלע זיינען פריינטלאַך
און דערהויבן
און ס׳ווילט זיך פאַר
דעם וואונדער דאַנקן לויבן.

נאָר ס'איז ניטאָ קיין געטשקעס
און קיין געטער.
לויבט מען דעם פּילאָט
און אויך דעם וועטער.

מען טראָגט זיך איבער שטעט
און איבער שטיבער
און באַלד איז די
אידיליע שוין אַריבער.

עס ווילט זיך פליען הויך
און זיין דערהויבן,
און קוקן בלויז אַרונטער —
דורך די שויבן . . .

דער פליענדיקער שטערן

באַנאַכט אַז ס׳פליט אַן עראָפּלאַן
און ס׳זעט אויס ווי אַ שטערן
באַוואונדער איך די מענטשן דאָרט
וואָס פליען אין די ספערן.

צו זיינען זיי מלאכים-לייט,
צו מענטשלאַכע פילאָטן,
צו זיינען זיי זשעניען דאָרט,
צו זייער שטארק גראָטן.

זיי פליען אין דער נאַכט אַריין,
אין שטורעמס און אין קעלטן
און גרויסע פליער פליען ווייט
ענטדעקן נייע וועלטן.

און ס׳איז אומעגלאַך צו פאַרשטיין,
אַזעלכע גרויסע זאַכן,
ווי מענטשן האָבן דאָס געקענט
די עראָפּלאַנען מאַכן.

און כאָטש איך האָב אַליין געזען
ווי עראָפּלאַנען פליען,
און כ׳ווייס עס זיינען דאָ פאַר דעם
דערפינדער און זשעניען.

איז זייער וואונדערלאַך צו זען
און קענען דאָס דערקלערן,
ווי ס׳פליט אַן אייזערנע מאַשין
און ס׳זעט אויס ווי אַ שטערן.

אין באַן

אין באַן האָב איך ליב ווען
עס קומט אָן די נאַכט,
און ס׳ווערן די בעטן
פון ווענט אויפגעמאַכט.

דער פּאָרטער איז דאָרטן
אַ טונקעלער מאַן,
ער טוט אַלע אַרבעט
פאַר אונז אין דער באַן.

ער פּוצט אונז די קליידער
און מאַכט אונז דאָס בעט,
איז זייער שטאַרק העפלאַך
צו אונז ווען ער רעדט.

די בעטן צוויי שטאָקיג
און ווייסע ווי שניי,
ווי שטיבלאַך פאַרהאַנגענע
שטייען אין ריי.

ס׳זעט אוים ווי אַ געסל
אַף שלאָפן געמאַכט
אין עפּעס אַ לאַנד וואו
ס׳איז אַלע מאָל נאַכט.

און ס׳טראָגט זיך די גאַס
אין אַ שנעלן געלויף
און ס׳וויגט ווי אַ וויגל
אַראָפּ און אַרויף.

עס קלינגט און עס פּייפט
און עס הוזשעט אַ שרעק,
מען שטעלט זיך אַף סטאַנציעס
אַרויף נעמען פּעק.

אַז ס׳קומט אין דער פרי
און עס בלויט און עס גרינט,
פאַרמאַכט מען די בעטן,
דאָס געסל פאַרשווינדט.

איך קוק דורכן פענסטער,
ווי פריש און ווי פריי,
עס זיינען די פעלדער
וואָס פליען פאַרביי.

אין „דאַינער". איז שיין, ווי
מען זיצט און מען עסט,
אַזוי ווי אַ יאָנטעף,
מיט בלומען און געסט.

ווי גוט ס׳איז צו לעבן
אַזוי אין אַ באַן ;
ס׳איז קיין שענערע וועלט
אין דער וועלט ניט פאַרהאַן.

די מואווים

אַז מאַמע נעמט מיך צו אַ מואווי,
איז דאָס אַ זייער שיינע זאַך;
און זי דערקלערט מיר וואָס איך ווייס ניט
און האָט הנאה ווען איך לאַך.

און אַז זי לאַכט מיט מיר צוזאַמען,
איז דעמאָלט גאָר געוואַלדיק קלוג,
נאָר איך וויל זען די מואווי צוויי מאָל,
און איין מאָל איז פאַר איר גענוג.

איך האָב געזען מיט איר פּענאַקעאַ,
איז דאָס געווען זייער שיין;
אַז ס'איז געקומען צום אַרויסגיין,
איז ניין! זאָג איך, איך וויל ניט גיין!

איך האָב געמוזט מיט איר אַוועקגיין,
נאָר זי'ט מיר צוגעזאָגט זי וועט
מיר נעמען זען דיזעלבע מואווי,
ווייל איצטער איז שוין זייער שפּעט.

צום צווייטן מאָל האָט אויך מיין פּאַפּאַ
פּענאַקעאַ מיט אונז געזען,
און איך בין דאַן געוועזן גליקלאַך,
ווי כ'בין נאָך קיינמאָל ניט געווען.

אַ מיידעלע באַ דער ראַדיאָ

די גרויסע ראַדיאָ איז באַ אונז
פאַר פּאַפּאַן און פאַר מאַמען
און מיר די קינדער שטערן ניט
אין זייערע פּראָגראַמען.

איך האָב אַ קליינע ראַדיאָ
וואָס איז נאָר פאַר אונז צו שפּילן,
נאָר מיר פאַרגעסן עפּעטען
פאַר זאַכן וואָס מיר ווילן.

און אַז מיר גיבן זיך אַ כאַפּ
און הייבן אָן צו לויפן,
איז שוין באַ'ן ענדע פון פּראָגראַם,
מען בעט אונז עפּעס קויפן.

און קויפן בעט מען אַלע מאָל,
די פיינסטע שענסטע זאַכן;
איך בעט זיך באַ דער מאַמען: קויף!
עס וועט אונז גליקלאַך מאַכן.

די זייפן זיינען וואונדערבאַר,
זיי מאַכן אינגער, שענער.
כ'האָב מורא וואַשן זיך מיט זייף,
ווייל אינגער מיינט אויך קלענער.

מיין מאַמע זאָגט ס'איז נאַרעשקייט,
כ'זאָל בעסער דאָס ניט הערן;
נאָר איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט
די זאַלב אַף שענער ווערן.

דעם שכנ׳ם ראַדיאָ

באַ׳ם שכן די ראַדיאָ
איז ניט אויסצוהאַלטן,
עס קלאַפּט און עס טראַסקעט,
דעם מח צו שפּאַלטן.

די שרעקלאַכסטע מעשׂות
פֿון געננסטער און רויבער,
געפֿעלט אים צו הערן
און ער איז אַ טויבער.

אַזוי פֿיל אַנאָנסן,
אַזוי פֿיל געשרייען,
און דאַכט זיך ער האָט ניט
קיין „נאַב״ צו פֿאַרדרייען.

דער איינציקער וועג ווי
זיך רעטן פֿון שכן,
איז נאָר ווען עס וואָלט זיך
זיין ראַדיאָ צובראָכן.

די בת יחידה

מיין טאַנטע פּילים פּליט אַריין
אין איילעניש אַ מידע
עס וואַרט אין דרויסן איר מאַשין,
זי רופט עס „באַסעכידע".

זי קומט אונז נעמען פאַר אַ „ראַיד"
און יאָגט אונז די נשמה.
מיין באָבע זאָגט: "אוי ווי איז מיר,
זי'ט „ספּידעווען" מסתמא!"

מיין מאַמע זוכט איר בייטל
און זי קען עס ניט געפינען;
די „באַסעכידע" שטייט אין וועג
און ס'טרובען די מאַשינען.

מיין טאַנטע בייסט די נעגל
און צעשרייט זיך אַף דער מאַמען,
די באָבע ווערט אין כעס,
שרייען ביידע שוין צוזאַמען.

וויל מאַמע שוין ניט פאָרן,
אין דעם טומל און גערודער;
עס ווילן אָבער זייער שטאַרק,
מיין שוועסטערל און ברודער.

מיר לויפן אַלע זייער שנעל
צו טאַנטעס „באַסעכידע".
און זי הייבט אָן צו טרייבן
אַ נערוועזע און אַ מידע.

שנעלקייט

פינף־און־זעכציק מייל אַ שטונדע,
הייסט באַ פּאַפּאַן גאָר ניט גיך.
פופציק מייל אַ שטונדע פאָרן,
מיינט באַ אים צו שלעפּן זיך.

מאַמע איז נערוועז, האָט מורא
צי מ'עט קומען נאָך צוריק.
און זי בעט זיך באַ דעם פּאַפּאַ:
„ברענג אונז אַלע אין איין שטיק."

אַז עס פאָרט מיט אונז די באָבע,
פאָרט מען פערציק מייל א יאָר.
פּאַפּאַ זאָגט: „אַזאַ מין שלעפּעניץ,
איז גאָר ניט פאַר אונזער דור".

און מען קען אַזוי פאַרפאָרן
טויזענט יאָרן אַף צוריק,
ווען עס איז געווען די „סטרימליין"
אַף אַן אייזל און אַ ביק."

איך בין איינשטימיק מיט פּאַפּאַן,
איך האָב פיינט צו שלעפּן זיך.
וועל איך זיין אַן עוויאַטאָר,
פליען וועל איך! זייער גיך!

וואַש־טאָג

מיין מאַמע האָט אַ וואַש־מאַשין,
אַ טייערע וויגאָדע;
עס רייבט און דרייט און טריקענט שנעל,
ס׳איז לויט דער לעצטער מאָדע.

איר וואַש־טאָג איז פון אייביק אָן
נאָר מאָנטיק אין דער פרי,
ס׳מעג דונערן און בליצן
און מיין מאַמע וואַשט סיי ווי.

און קראַנק זיין מאָנטיק איז ניט גוט,
סע הייבט איר פונ׳ם בעט;
זי כאַפּט זיך אויף און קראַנקערהייט,
צעוואַשט זי שנעל די גרעט.

נאָר איינמאָל אין אַ מאָנטיק
אין דער פרי, איז דאָס געשען,
מיין מאַמע ט׳מיך געבאָרן —
איז קיין וואַש־טאָג ניט געווען . . .

טהאָמאַס עדיסאָן

דער גרויסער טהאָמאַס עדיסאָן,
דער מענטש פון די מאַשינען;
ער האָט געטראַכט דורך טאָג און נאַכט,
דערפינדונג צו געפינען.

ער איז געווען אַ קרוב
צו די וואונדערלאַכע קרעפטן;
ער האָט געהאַט געניאַליטעט,
מיט זיי זיך צו באַהעפטן.

און אויסגעפרעגט און אויסגעפאָרשט,
האָט ער די עלעמענטן,
און האָט גערעכענט טויזענטלאַך,
פראַגמענטן און פראָצענטן.

ער האָט געפונען פונקט די מאָס
און פונקט די וואָג פון זאַכן,
וואָס זאָל מיט די מאַשינען-הענט
ד וועלט פיל שענער מאַכן.

און ס'פאָלגן אונז די קרעפטן,
ווייל מיר האָבן זיי פאַרשטאַנען,
די וועלט דערגייט צום הימל
אין פערפעקטע עראָפּלאַנען.

עס אַרבעטן מיט זיכערקייט,
די מעכטיקע טורבינען;
עלעקטרי מיט איר צויבער־קראַפט
איז דאָ אונז צו באַדינען.

די געטן פון דער ליכטיקייט,
אין דראָטן און אין צוימען;
עס האָט איר טהאָמאַס עדיסאָן
געבראַכט פון ווייטע רוימען.

און ער האָט איר באַפוילן אַז
זי זאָל אונז ערלאַך דינען
און ס׳מוזן פאָלגן זיינע ווערק,
דעם „מענטש פון די מאַשינען.״

דאָס שלעכטע און ניט גערעכטע

דער האַליוואַוד פּעדלער

צו אונז קומט אַ פּעדלער פון גרינסן,
וואָס זעט אויס ווי דזשאָן באַרימאָר;
אַ הויכער, אַ שיינער, אַ גלייכער,
ער רעדט ווי אַ מואווי-אַקטיאָר.

ער הייבט אויף אַ בינטעלע מערן,
ווי דאָס וואָלט געווען אַ בוקעט;
מיר קוקן אַף אים און מיר הערן,
ווי שיין און ווי אַנדערש ער רעדט.

עס בליהט אויף דאָס גרינס אַפן וואָגן
און ס׳קויפט אָן מיין מאַמע אַ פּאַק;
מיר עסן אַפילו די ספּינאַטש
און ספּינאַטש קען אויך זיין געשמאַק.

ס׳איז ניט קיין געוויינלאַכער פּעדלער,
זאָגט מא, ס׳איז אַ גרויסער טאַלאַנט,
ער מוז נעבאַך מאַכן אַ לעבן
און טוט וואָס אים קומט צו דער האַנט.

אין האַליוואַוד איז ער געקומען,
געוואָלט אין די מואווים אַריין;
מען האָט אים דאָרט ניט צוגענומען,
מען דאַרף דאָרט פון זייער לאַנג זיין.

מען צאַצקעט זיך דאָרט נאָר מיט שטערן,
דאָרט מוז זיין אַ פינסטערע נאַכט;
עס קאָסט אַפּ מיליאָנען די מואווים,
דאָך זיינען זיי ביליג געמאַכט.

דער פּעדלער דערציילט דאָס מיין מאַמען
און איך הער זיך זייער גוט איין.
כ׳האָב אויך געוואָלט ווערן אַ קינסטלער,
נאָר כ׳האָב עס שוין מורא צו זיין . . .

מיני

צו אונז קומט אַ נעגער פרוי מיני
און מאַכט אונזער הויז ריין און שיין;
זי רעדט אַזוי זינגענדיק מאָדנע,
און שמייכעלט מיט קלאָר ווייסע ציין.

זי וואַשט אויס די וועש און צעהענגט עס,
צופּרעסט עס ווי שיין און ווי פלינק.
אַזאַ גרויסע בעריע איז מיני,
זי טוט אָפּ אין איין טאָג אלצדינג.

איך האָב ליב מיט מינין צו ריידען.
זי ענטפערט מיר אַלץ וואָס איך פרעג;
דערציילט מיר פון אנדערע הייזער,
וואו זי ארבעט אנדערע טעג.

אז זי קומט צוגיין איז דאָרט שמוציק,
אז זי גייט אַוועק איז דאָרט ריין.
נאָר כ׳וויים נים וואָס דאַרף אונזער מיני,
באַ אלעמען אַרבעטן גיין.

איך זאָג איר, דו יאָג זיך ניט מיני,
איך וויל ניט זאָלסט ארבעטן שווער;
און טו נים אָפּ גאָר אונזער אַרבעט
און גייט ניט צו אַנדערע מער.

זי האָט זיך צעלאַכט איר געלעכטער,
וואָס קייכט מיט אַ קוויטשיגן קול,
און אָנגעקוקט האָט זי מיך מאָדנע,
און האָט זיך צעלאַכט נאָך אַמאָל.

דער שיך פּוצער

אַ רייכער פּוצט ניט זיינע שיך
באַ אינגלאַך אָרעמע ווי איך,
ער גייט אין שיך וואָס זיינען ניי
און גייט דאָ קיינמאָל ניט פאַרביי.
ער פאָרט אין זיין אָטאָמאָביל
און קויפט זיך אַלצדינג וואָס ער וויל.

די אָרעמע, זיי לויפן גיך,
איך וויים ניט וואָס זיי איילן זיך.
אין אַלטע שמאַטעס גייען זיי
און הערן גאָר ניט מיין געשריי,
מסתמא הונגעריק ווי איך,
וואָס טויג זיי פּוצן זיך די שיך?

און איך, איך שטיי אזוי און טראַכט,
ווי שלעכט עס איז די וועלט געמאַכט.
צי קען מען עפּעס טאָן דערצו,
צי טוט מען עפּעס ערגעץ וואו,
עס זאָלן אינגעלאַך ווי איך
ניט דאַרפן פּוצן פרעמדע שיך.

ביים שוסטער

דער שוסטער אַליין,
איז אַ קראַנקער אַ שוואַכער;
נאָר שטאַרק זענען זיינע מאַשינען,
זיי לויפן מיט כח
און העלפן דעם שוסטער,
ער זאָל אַף אַ לעבן פאַרדינען.

זיי מאַכן אַ טומל,
אַ גרויסן גערודער;
עס דוכט זיך זיי קערן אים וועלטן.
זיי קריגן אַן אַלטע
פּאָר שיך צו פאַריכטן
און דאָס אויך ניט אָפט, זייער זעלטן.

ס'באַוועגט זיך דער שוסטער,
אַ שוואַכער, אַ קראַנקער,
אַרום זיינע אייזערנע ריזן
און ווייל ס'זענען דאָ
מערער שוסטער ווי שיך —
איז צען מינוט אַרבעט זיין „סיזן."

דער וועכטער

אין אַ קאַלטן בייזן וועטער,
ווען עס רעגנט און ס'איז נאַס,
האָב איך זייער שטאַרק רחמנות,
אַף דעם וועכטער אַפן גאַס.

אין אַ ביידעלע אַ קליינע,
וואָס עס דוכט זיך עס צעפאַלט,
זיצט ער איינגעדרייט אין שמאַטעס
און ער ציטערט, ס'איז אים קאַלט.

ער איז אַלט און איינגעהויקערט,
דאַרף גאָר ליגן אין אַ בעט;
זיצט ער פאַר אַ רויטן לעמפּל
לעבן ביידל אַף אַ ברעט.

עלענט איז ער, האָט קיין היים ניט,
האָבן האָט ער קיינזאַך ניט;
יענעמס היטן איז זיין אַרבעט,
זיצט ער טאָג און נאַכט און היט.

דער אַלטער טראָק

מיין מאַמע און איך האָבן איינמאָל
באַטאָג אַפן וועג געשפּאַצירט,
איז דעמאָלט אַ טראָק דורכגעלאָפן
מיט אַרבעטער שוואַרץ און פאַרשמירט.

דער טראָק, אַ שטיק אייזערנע שמאַטע,
צעבויגן, צעבראָכן און אַלט.
האָט עס אזוי גוואַלדיק געטראַסקעט,
עס האָט זיך געדוכט עס צעפאַלט.

די אַרבעטער זיינען געשטאַנען,
אין ענגשאַפט צוזאַמענגעפרעסט;
דער טראָק האָט זיי שיר אומגעוואָרפן
זיי האָבן געהאַלטן זיך פעסט.

מיר האָבן די הענט אויפגעהייבן
און פריינטלאַך געשריען צו זיי;
זיי האָבן זיך פריילאַך צעשמייכעלט,
געענטפערט אַף אונזער געשריי.

זיי האָבן דערקענט אונז פון ווייטן,
אַז מיר זיינען זייערע פריינט;
ווי שיין ס'האָט דער פריילאַכער שמייכל,
דעם אומעט אַריבערגעשיינט.

מיר גייען שוין אַלע טאָג גריסן
די נעגערשע אַרבעטער דאָרט,
מירריידן זיך דורך מיט אַ שמייכל,
דער טראָק לאָזט ניט הערן קיין וואָרט . . .

פּאָליסלייט

ביים שול שטייט אַ גראָבער פּאָליסמאַן,
זיין בויך שטעקט ארוים ווי א פאַס,
און ער איז צו קינדערלאַך פריינטלאַך,
ער פירט זיי אַריבער די גאַס.

כ׳האָב איינמאָל געפרעגט דעם פּאָליסמאַן
פון וואַנען ער איז אַזוי גראָב,
און אויך אַז ער איז אַזאַ גוטער,
צוואָוואָס דאַרף ער טראָגן אַ קלאָב ?

דאָס איז אים מסטמא געפעלן,
ווייל ער האָט מיך מאָדנע באַטראַכט,
אַנשטאָט מיר צו ענטפערן עפּעס,
האָט ער מיטאַמאָל זיך צעלאַכט.

און מיר איז דאָס אויכעט געפעלן,
האָב פריילאַך מיט אים מיטגעלאַכט ;
ער׳ט אויסגעזען זייער אַ וואוילער,
נאָר איך האָב זיך נאָכדעם געטראַכט :

פאַרוואָס אָט די וואוילע פּאָליסלייט,
וואָס זיינען אַזעלכע ווי ער,
באַפאַלן אומשולדיקע סטרייקער,
און זיינען קיין וואוילע ניט מער . . .

ווער איז שולדיק ?

עס האָרעוועט אימער די מאַמע,
און ס׳דרייט זיך מיין פאפאַ אַרום ;
ער קען ניט געפינען קיין אַרבעט,
ער האָט שוין געזוכט אומעטום.

ס׳וואָלט זיין גוט ווען ער העלפט דער מאַמען,
אַזעלכס אָבער שטייט אים ניט אָן.
ער קען דאָך ניט נייען ווי מאַמע,
און הויז אַרבעט וויל ער ניט טאָן.

און ווייל ס׳איז אים שלעכט אַפן האַרצן,
וואָס ער דרייט זיך אום גאַנצע טעג,
איז ער ניט צופרידן מיט קיינעם
און איך בין אים שטענדיק אין וועג.

ער האָט אימער טענות צו מאַמען,
ער זאָגט איך בין גאָר ניט קיין לייט.
זאָגט מאַמע : מיך בעסער דערציען,
האָט זי דאָך קיינמאָל ניט קיין צייט.

וואָס דאַרף מען מיך בעסער דערציען,
און וואָס האָט מיין פאַפּאַ צו מיר ?
דערפאַר ווייל ער האָט ניט קיין אַרבעט,
טאָר איך זיך ניט געבן קיין ריר ?

אז ס׳האָרעוועט אַלע מאָל מאַמע,
און פאַפּאַ גייט אום אויסער זיך,
איז אימיצער שולדיק מסתמא,
איך ווייס נאָר אז דאָס איז ניט איך . . .

דער דאָקטער

מיין פּאַפּאַ איז אַזאַ מין קעראָפּראַקטאָר
וואָס האָט הנאה זיך צו רופן „דאָקטאָר"
און אָן אַן אָפּים אָן די אינסטרומענטן,
ווי זשע וועט ער קריגן פּאַציענטן ?
ער האָט ניט וואָס צו טאָן און לייענט ביכלאַך
און קייט פּאַר זיין געזונט, אַזעלכע קיכלאַך.

די מאַמע פּעדעלט פּעטענט מעדיצינען
און איז נערוועז, גייט שיר אַראָפּ פון זינען ;
מיר עסן פון דער גראָסערי געקענטע,
און פּאַפּאַס „דייעט" רויע און פּאַרברענטע.
באַ מאַמען איז פון גיין די פיס געשוואָלן
און ס'איז ניטאָ קיין דירה־געלט צו צאָלן.

מיין פּאַפּאַ קען קיין אַרבעט ניט געפינען
און קען ניט פּעדלען פּעטענט מעדיצינען.
ער האַסט עס ווייל ער גלייבט ניט אין די זאַכן,
ער'ט פיינט זיך פּאַטשקען מיט אַ לעבן מאַכן.
ער איז נאָך ניט אַזוי אַראָפּגעפאַלן,
מיין פּאַפּאַ איז אַ מענטש מיט אידיאַלן . . .

מיין באָבע און דער האָן

מיין באָבע רעדט און רעדט צום סידור,
און אַלץ דיזעלבע זאַך;
זעט אויס אַז קיינער וויל ניט הערן,
די מאָדנע פרעמדע סידור־שפּראַך.

און וואָס עס מיינען אירע ווערטער,
איז גאַר ניט מעגלאַך צו פאַרשטיין;
מיין באָבע זאָגט עס אַלע יאָרן
און דאָך פאַרשטייט זי ניט אַליין.

ס'איז מאָדנע און עס איז ניט העפלאַך,
ווען באָבע דרייט זיך אויס צום וואַנט;
זי בויגט זיך און זי טאַנצט אַביסל,
כאָטש טאַנצן איז ניט איר טאַלאַנט.

יום כפּר שלאָגט זי די כפּרות,
זי דרייט אַ האָן אַרום מיין קאָפּ;
ער שרייט און ס'דוכט זיך אַז ער בעט זיך:
„איך וויל ניט שטאַרבן, לאָזט מיך אָפּ!"

דעם האָן ט'מען קוילענען און עסן,
ווייל טאָמער האָב איך שלעכטס געטאָן;
מיין באָבע זאָגט איך האָב אַבירות,
דערפאַר ט'מען קוילענען דעם האָן.

איך ווייס ניט ווי איך האָב אַבירות,
און ווען איך בין געוועזן שלעכט;
צום האָן האָב איך אודאי גאָרנישט,
אים קוילענען איז ניט גערעכט.

קאָנקורענטן

מיין פּאָפּאַ איז זייער אַ פרומער
און גאָט בעט ער זייער אַ סאַך,
נאָר גאָט גיט אים זייער אַביסל
און דאָס ניט די ריכטיקע זאַך.

ער גייט אום פאַרקויפענדיק שירעמס,
ניט גאָט, נאָר מיין פּאָפּאַ מיין איך.
מיין פּאָפּאַ פאַרדינט זייער ווייניק,
נאָך גוט וואָס איך קען פוצן שיך.

אַ שיך־פוצער בין איך אַ גוטער,
פאַרדין איך פון אים אַ סאַך מער.
נאָר איך דאַרף אַ וועטער אַ שיינעם
און רעגנדיק וועטער דאַרף ער.

אַז איך בעט אַף זוניקן וועטער
און פּאָפּאַ בעט דאַווקע פאַרקערט,
טאָ ווי אַזוי קען אונז גאָט העלפן,
אפילו ווען ער וואָלט דערהערט ?

אין חדר

אַמאָל ווען די היינטיקע טאַטעס,
זיינען געווען נאָך קליין;
האָט מען די אָרעמע אינגלאך,
געצוואונגען אין חדר צו גיין.

דער רבי אַ בייזער אַ קראַנקער,
וואָס האָט זיך געשטיקט מיט אַ הוסט.
ער האָט מיט די אינגלאַך געלערנט,
אַליין האָט ער גאָר ניט געוואוסט.

איז קיינמאָל אַרוים פונ'ם שטעטל.
האָט גאָר נישט געהערט און געזען,
זיין קאָפּ איז מיט פינסטערן גלויבן
און פול מיט עקשנות געווען.

אַ באָרדיקער איד מיט אַ קאַנטשיק,
וואָס נאָר שמייסן האָט ער געקענט.
דער האָס צו דעם דאָזיקן אידן,
האָט שטענדיק באַ אינגלאַך געברענט.

עס האָבן געשמיסענע אינגלאַך
כסדר געטראַכט און געטראַכט.
זיך אָפּרעכענען מיט'ן רבין,
פאַרשידענע פלענער געמאַכט.

און יאָסל אַן אמתר יאַטל,
האָט קונציק דעם חדר געפירט.
אַ פירער מיט ברען און מיט מוח,
די אינגלאַך גוט אָרגאַניזירט.

דאָס ערשטע, די ציג אָפּגעבונדן,
די פרייהייט אַף איר אויספּרובירט.
זי איז באַלד אַנטלאָפן אַף דאַטשע
און האָט זיך דאָרט גוט אַמוזירט.

און נאָכדעם דעם קאַנטשיק געלאָזט זיך
אַ שווים טאָן גראַציעז אַפן טייך.
דער רבי ער האָט געמוזט קויפן
אַ קאַנטשיק אַן אַנדערן, גלייך.

עס האָט זיך געוואָלט אים פּרובירן,
דעם קאַנטשיק דעם נייען אַף אים,
וואָס פירט אָן די סקאָצישע שטיקלאַך
און דראָעט דעם חדר-רעזשים.

נאָר ס׳זיצן זיך אינגעלאך שטילע,
וואָס קענען ניט ציילן קיין צוויי.
זיי ווייסן דען עפּעס ? חלילה !
ווער קען עפּעס האָבן צו זיי ?

נאָר איינמאָל נאָך טשאָלענט ווען ס׳האָט אים,
דעם רבין געטשאַדעט אין קאָפּ
און ס׳האָט זיך אים קישקע גע׳חלומט
און קוגלען וואָס טאַנצן אין טאָפּ.

האָט חברה גענומען א חומש,
דעם רבין צום באָרד צוגעקלעפּט
און ער האָט געסאָפּעט געכראָפּעט,
אין בייזע חלומות געשוועבט.

אַז אויפגעכאַפּט האָט זיך דער רבי,
האָט ער ווי אַ טיגער געברומט ;
די אינגלאַך, זיי זיינען געזעסן
און אַלע צוזאַמען — געשטומט.

דעם חומש פון באָרד אַוועקרייסן,
אומעגלאַך! נו האָט אים געברענט !
עס ווילט זיך אים קאַטעוועז, שמייסן !
ער צאַפּעלט זיך, וואַרפט מיט די הענט.

און וויל זיך אַ וואָרף טאָן אַף אינגלאַך,
און ווייס ניט ווער ס'האָט עס געטאָן.
ער קען נעבאַך קיינעם ניט שמייסן,
עס וואַרפט אים אַ צאָן אין אַ צאָן.

ער שרייט ! „כ'וועל אים פּאַקן דעם שייגעץ !
כ'וועל שמייסן, כ'וועל רייסן אַ פּאַס !"
און דאָ האָט געפּלאַצט אַ געלעכטער,
עס האָט אַזש געקלונגען אין גאַס.

— — — — — — — — — — — —

ניט אָפט האָבן אָרעמע אינגלאַך
אַזאַ פאַרגעניגן געהאַט.
די באָרד איז געבליבן באַ'ן חומש,
אַ פּירעך ביז היינט יאָסל כוואַט.

יאָסל קאַטלער

גע‏ווען איז אַ יאָסל,
אַ קינסטלער אַ כוואַט,
טאַלאַנט צו פאַרשידענע
קונסטן געהאט.

געשריבן, געמאָלן,
געשפּילט און געזונגען;
מיט פרייד און געלעכטער,
דעם אומעט פאַרקלונגען.

און פונקט ווי אין מעשהלע
פון פּיטער, פּען,
איז עפּעס אַ וואונדער
מיט יאָסלען געשען.

וואַס ער איז אין קאַמף,
פאַרן לעבן דורך יאָרן
געבליבן אַ אינגל,
ניט עלטער געוואָרן.

געקומען איז יאָסל
אין אַרבעטער רייען,
מיט זיינע טאַלאַנטן
זיי העלפן באַפרייען.

און גוט איז גע‏ווען
און פריילאַך און פיין,
מיט אַט אַזאַ יאָסלען
אין איין וועלט צו זיין.

מען האָט אים סיי זען
און סיי הערן באַגערט
ווייל יאָסל אַליין
איז געווען אַ קאָנצערט.

האָט ער זיך גענומען
די נויטיקע זאַכן,
געפאָרן דערפרייען
חברים מיט לאַכן.

מען האָט זיך אַף אים
אין די שטעט שוין געגרייט,
געוואַרט אַף זיין קומען
מיט חברשער פרייד.

איז יאָסל געפאָרן
אַף שלאַנגיקע וועגן
און האָט ניט געזען
וואָס עס קומט אים אַנטקעגן.

ס'איז פלוצלונג אַ שנעלע
מאַשין אָנגעלאָפן
און דאָ האָט מיט יאָסלען
דער אומגליק געטראָפן.

— — — — — — — — — —

געבליבן איז אונז,
דאָס, וואָס ער איז געווען,
און מיר'ן אים שטענדיק,
אין „מונטערגאַנג" זען.

אַ מאַמע וויגט איר צווילינג

שלאָפט רואיק איר צווילינגל מיין,
ווי שווער אייער מאַמע צו זיין,
אַז איר זייט געקומען אַף באַרג,
מיט פעק און מיט פעקעלאַך זאָרג,
וואו דלות פאַרשטעלט און פאַרשטיקט
ליגט טיף אין די ביינער און דריקט.
נאָר איר אזוי הילפלאָז און קליין,
ווילט עסן זיין טרוקן און ריין.

שלאָפט רואיק איר צווילינגל מיין,
ווי בראַוו אייער מאַמע דאַרף זיין.
אַז אייך איז באַשערט געווען נאָר
געבאָרן צו ווערן אַ פאָר.
איר האָט זיך צום לעבן געשפאַרט,
האָט קיינער פון אייך ניט געוואַרט,
דערפאַר אַז דער הונגער טוט וויי,
מוזט איר נעבאַך וואַרטן אין ריי.

שלאָפט רואיק איר צווילינגל מיין,
כאָטש שווער אייער מאַמע צו זיין,
דאָך גוט איז צו זען ווי איר ווערט,
די פרייד וואָס אַ מאַמע באַגערט,
דער אָנהייב פון מענטשעלאַך צוויי,
וואָס הייבן אָן בלויז מיט געשריי
און כאָטש ס׳איז באַגינען, ס׳איז פרי,
דאָך יעדער פון אייך אַ זשעני...

מלחמה

אַ מאַן אָף איין פוס מיט אַ קוליע,
ער גייט אום פאַרקויפענדיק בלומען;
דער מאַן זאָגט אז ער איז מיט מזל
צוריק פון מלחמה געקומען.

איך האָב אין די מואווי מלחמות
געזען ווי גע'הרג'עטע ליגן,
עס קראַכן קאַנאָנען און באָמבעס
און ס'קען דאָרטן קיינער ניט זיגן.

סאָלדאַטן, זיי זיינען דאָך מענטשן
און הרג'ענען איז אַ פאַרברעכן.
נו וואָס אז זיי זיינען פראַנצויזן,
צי דייטשן צי רוסן צי טשעכן?

דער שונה איז ניט די סאָלדאַטן —
מיין פאַפאַ, ער קען דאָס דערקלערן,
איך וועל אַמאָל אויך אַזוי קענען,
ווייל איך גיי אין שול און איך לערן.

אַז איך זע אַן ארעמען קריפל,
וואָס איז פון מלחמה געקומען,
פאַרדריסט מיר, ווייל איך ווייס פון וואַנען,
עס האָט זיך מלחמה גענומען.

די פּאַריזער קאָמונע

אַ גרויסע פּאַסירונג
פון הערלאַכע טאַטן,
פון אַרבעטער העלדן
און העלדן סאָלדאַטן.

די אַרבעטער זיינען
געגאַנגען אין שלאַכט,
אַנטקעגן פּאַריזער
בורזשואַזישער מאַכט.

מיט שרעק זיינען רייכע,
צעלאָפן, צעפאָרן;
פּאַריז איז אַ פרייע
קאָמונע, געוואָרן.

אַף ראַט הויז די אַרבעטער פאָן
אויפגעהאַנגען,
פּאַריז האָט געקלונגען
מיט פרייהייטס געזאַנגען.

נאָר ס'האָט זיך דער שונה
צוזאַמען גענומען
און איז מיט אַ גרויסער
אַרמיי אָנגעקומען.

עס האָבן די רייכע
ווי חיות צערייצט
מיט אַרבעטער בלוט
די קאַמונע פֿאַרפּלייצט.

מיר וועלן געדיינקען
די פרייהייטס אַרמייען,
וואָס האָבן געקעמפט
אין די אַרבעטער רייען,

וואָס זיינען געפאַלן
אין בלוטיקן שלאַכט,
פאַר אַ בעסערע וועלט —
פאַר דער אַרבעטער מאַכט!

די קוילן גרעבער

די קוילן גרעבער לאָזן זיך
אין מינען טיף אַראָפּ ;
ווי פייער פליגן טראָגן זיי,
די לעמפּלאַך אַפן קאָפּ.

ס׳איז אין דער טיפקייט פון דער ערד,
ווי שטעט, די קוילן מינען,
מיט גאַסן אויסגעגראָבענע,
מיט אַלערליי מאַשינען.

אין דרויסן מעג זיין ליכטיק
און די לופט געשמאַק און פריש,
נאָר קוילן גרעבער גראָבן
אין דער שוואַרצער טיפעניש.

דער טאָג איז זייער הויך און ווייט,
און אין דער טיפער שאַכט,
דאָרט הערשט די שווערע פינסטערניש,
די אייביק שוואַרצע נאַכט.

און ס׳לויערן געפאַרן
פון אַ בייזן עלעמענט,
ווען גאַזן עקספּלאָדירן
און עס פאַלן איין די ווענט.

מען שרייבט דערנאָך אין צייטונגען :
„אַן אומגליק איז געשען,
אזוי פיל און אזוי פיל,
זיינען מענטשן דאָרט געווען.״

עס לעבן מענטשן אָט אזוי,
אַ קוילן גרעבער — מין . . .
זיי דרייען זיך אין רעדער
פון אַ מעכטיקער מאַשין.

— — — — — — — — —

און אַז מען שיט די קוילן
אין די קעלערן אריין,
אַז ווינטער אין די קעלטן
זאָל די מענטשן וואַרעם זיין.

צו זיינען דאָ אזעלכע
וועלכע גיבן ווען אַ טראַכט,
ווי קוילן גרעבער גראָבן,
אין דער טיפער שוואַרצער נאַכט...

סאָוועטישע קינדער

באַ׳ם סאָוועטישן פּאַראַד

איך בין בײַ דעם גרויסן
פּאַראַד הײַנט געווען,
און אַך ווי אַ סאַך
עס איז דאָרטן צו זען,
צו זען ווי עס קומט אָן
די רויטע אַרמײ,
די גרויסע און שטאַרקע
און גלײַך אין אַ רײ.

ווי ס׳גייען די רייען,
מיט ריטמישע טריט;
עס זינגען די מענטשן,
איך זינג מיט זיי מיט.
און ס׳שפּילט דער אָרקעסטער
דאָס שיינע מוזיק,
און זײַן בײַם פּאַראַד
איז אַ פרייד און אַ גליק.

נאָר מענטשן אַ סאַך,
פון דער וועלט אומעטום,
זיי שטייען פאַר מײַלן,
אַרום און אַרום;
זיי בויען אַ וואַנט,
זייער הויך זייער דיק
און שטופּן זיך העלפט ניט,
זיי שטופּן צוריק.

צו זיין אַ קליין מיידל
איז זייער ניט גוט.
אַז פּאַפּאַ הייבט אויף,
קען איך זען אַ מינוט;
און דעמאָלט ערשט ווילט זיך
מיר זען גאָר אַ סאַך,
פלאַקאַטן און מענטשן
און יעטווידער זאַך.

אַז איך וועל זיין גרויס
און מאַרשירן אַליין,
ווי גרויס עס וועט זיין
דער פּאַראַד און ווי שיין;
די רויטע אַרמיי וועט
זיין שיין אויסגעפּוצט
און נאָר פאַר פּאַראַד
וועט זי ווערן גענוצט . . .

עלעקטרי

איך בין אין עלעקטרי זאַוואָד היינט געווען
און אַך ס'אַרע וואונדער איך האָב דאָרט געזען !

אַזוי פיל געדרייעכץ, אַזוי פיל מאַשינען !
ווי מעכטיק און האַסטיק עס לויפן טורבינען !

עס דוכט זיך זיי לויפן די וועלט איבערקערן
נאָך גוט וואָס עס האַלטן זיי אָפּ אינזשיעניערן.

מען האָט אונז געוויזן און אַלעם דערקלערט,
מיר ווייסן שוין איצט ווי עלעקטרי ווערט.

מען ציט אומעטום שוין עלעקטרי אריין.
קיין פינסטערניש וועט שוין באַ אונז מער ניט זיין.

ס'איז ליכטיק באַ אונז, סיי באַטאָג סיי באַנאַכט,
פון העט און דער לופטן, ביז טיף אין דער שאַכט.

מיר האָבן ניט מורא באַנאַכט פאַר אַ בער,
פאַר קיין פיפערנאָטער, פאַר קיין מיליאָנער . . .

די קעמלען און די באַנען

די קעמלען אין די סטעפּעס,
פון ווייטן קאַזאַקסטאַן,
זיי האָבן זיך דערשראָקן.
דערזעענדיק אַ באַן.

און האָבן זיך געוואונדערט,
מסתמא זיך געטראַכט :
ס'אַ שרעקלאַך גרויסע חיה,
ס'אַ פייפעריי זי מאַכט !

ס'אַ יאָגן זיך, ס'א לויפן,
ס'אַ גרויסער עק פון רויך !
האָט פייערדיקע אויגן,
און מענטשן אין איר בויך.

אַז ס'איז די באַן אַנטלאָפן,
געבליבן בלויז איר עק,
ערשט דאַן איז באַ די קעמלען,
אַריבער זייער שרעק.

זיי זיינען לאַנג געשטאַנען,
פאַרריסן הויך די קעפּ,
געקוקט מיט מאָדנע אויגן,
אין שטילן ווייטן סטעפּ.

איך ווייס ניט וואָס עס האָבן
די קעמלען זיך געטראַכט,
ס'איז אפשר זייער מוח
פאַר טראַכטן ניט געמאַכט.

נאָר עפּעס מוז אפילו
באַ קעמלען אין די קעפּ,
אריינגיין ווען זיי זעען,
אַ באַן אין ווייטן סטעפּ.

פערד און טראַקטאָר

אַ וואונדער וואָס האָבן
די פערד זיך געטראַכט,
ווען מ׳האָט אין קאָלכאָזן
די טראַקטאָרס געבראַכט.

און ס׳האָבן די טראַקטאָרס
געאַקערט די ערד
און ס׳האָבן זיי אָנגעקוקט
מאָדנע, די פערד.

צו קענען די פערד
אַזאַ זאַך דען פאַרשטיין ;
אַז זיי דאַרפן מער שוין
אין סאָכע ניט גיין ?

די פערד האָבן שטענדיק
געהאָרעוועט שווער,
איז גוט וואָס זיי דאַרפן
ניט האָרעווען מער.

דער טראַקטאָר

אַ טראַקטאָר איז ניט ווי אַ פערד,
ס'איז עפּעס אַן אייזערנער מין;
וואו נעמט ער דעם כּוח אין זיך?
ער עסט ניט, נאָר טרינקט גאַזאָלין.

ער קלאַפּט זייער שטאַרק ווען ער גייט,
דאָס מיינט: „זאָלסט זיך היטן פאַר מיר!
ווייל איך קען דערלאַנגען אַ זעץ,
און אפשר ארויף גיין אַף דיר!"

אַזוי איז ער ניצלאך און גוט,
מען קען זיך אַן אים ניט באַגיין;
ער גייט און ער טוט וואָס מען דאַרף,
מען טאָר נאָר אין וועג אים ניט שטיין.

ווען איך וואָלט געווען טראַקטאָריסט,
וואָלט איך אים צענומען, צעשרויפט;
כ'וואָלט וועלן אים קענען פאַרשטיין,
מיט וואָס פאַר אַ כּוח ער לויפט.

טאַנקען

אַ טאַנק איז אַ קאָמישע בריה
עס זעט אוים האַלב חיה האַלב הויז,
סע רוקט זיך אַליין זייער מאָדנע,
מען זעט ניט די רעדער אַרוים.

ס׳האָט קוימענדלאַך קליינע און שייבלאַך,
די קוימענדלאַך ניט פאַרן רויך.
די הויז־חיה האָט דאָרטן ביקסן
און רויטע אַרמייער אין בויך.

עס גייען פּאַוואָליע די טאַנקען,
פּאַראַדנע און גלייך אין אַ ריי,
מען פירט זיי אַרוים אַף פּאַראַדן
צו ווייזן די שטאַרקע אַרמיי.

אַז מיר׳ן קיין שונאים ניט האָבן,
ווי גוט עס וועט זיין און ווי פיין,
אַף אונזערע יאָנטעף פּאַראַדן,
וועט מער שוין קיין טאַנקען ניט זיין.

די ראַדיאָ

מיר זיינען אַריין אין פאַרמעסט,
געאַרבעט פון פרי ביז באַנאַכט;
מיר האָבן געוואונען דעם פּריז,
מען האָט אונז אַ ראַדיאָ געבראַכט.

מען האָט זי אין קלוב איינגעשטעלט,
ס'א לויפעניש דאָס איז געווען!
ס'האָט יעדער פון אונז זיך געאיילט
די ראַדיאָ צו הערן און זען.

מיר זיינען געשטאַנען, געוואַרט,
מען האָט עס געדרייט זייער לאַנג,
ביז וואַן ס'האָט געגעבן אַ קנאַק,
אַ שאָס געטאָן מיט אַ געזאַנג.

נאָר באַלד איז אַריבער מיין שרעק
און איך בין באַרואיקט געווען.
און מיר האָט זיך זייער געוואָלט
דעם „ריזיקן זינגער" דערזען.

מען האָט עס געגעבן אַ דריי,
דעם זינגער אין גאַנצן — פאַרמאַכט,
און ענדלאַך. נאָך דרייען אַ סאַך,
אַהאַ! מ'האָט דעם צ ע נ ט ע ר געבראַכט!

און שטיל איז געוואָרן אין קלוב,
מיין האַרץ האָט געטיאָכקעט אין מיר;
מיין מאַמע איז דאָרטן אַצינד,
ווייל זי איז באַ אונז בריגאַדיר.

איך האָב זיך פאַרבענקט און פאַרטראַכט
און ס'האָט זיך דערהערט מיט־אַ־מאָל —
מען האָט זי פאַר אונז אַנאָנסירט !
און באַלד איז געקומען איר קול.

מיין מאַמע ט'אַף ראַדיאָ גערעדט,
ס'אַ וואונדער געווען און אַ פרייד,
איר הערן ווען זי איז ניטאָ,
פון ווייט ניט געזעענערהייט.

— — — — — — — — — — —

מיט ראַדיאָ באַ אונז אין קאָלכאָז,
איז קיינזאַך פון אונז ניט פאַרשטעלט ;
מיר גרייכן שוין איצט אומעטום,
און זיינען אַ טייל פון דער וועלט.

מיר הערן אַ שיינעם קאָנצערט,
פון מאָסקווע און אַנדערע שטעט ;
מיר האָבן אַפילו געהערט,
ווי ס'האָט חבר סטאַלין גערעדט.

איך טראַכט פון דער ראַדיאָ און טראַכט,
און וואונדער זיך זייער אַ סאַך ;
איך קלער צו מען וואָלט נאָך געקענט,
דערפינדען אַ ב ע ס ע ר ע זאַך.

אַף אַ קאָלכאָז

ווי גליקלאַך מיר זיינען געוועזן,
ווען מ'האָט צום קאָלכאָז אונז גענומען;
אונז זיינען די ליבע חברים,
צום סטאַנציע אָקעגן געקומען.

ווי שיין ס'איז צו זען אַף קאָלכאָזן,
ווי ס'וויגן זיך פעלדער מיט קאָרן;
ווי גוט מיט קאָלכאָזניקעס — קינדער,
אַף טראַקטאָרס דורך פעלדער צו פאָרן!

מיר זינגען די שטאָטישע לידער,
אין זיי, דאָס געזאַנג פון קאָלכאָזן;
דער דרויסן איז זייער אַ ווייטער,
און פרישינקע ווינטעלאַך בלאָזן.

מען האָט דאָרט געאַקערט מיט טראַקטאָרס,
וואָס גייען פאַראַדנע אין רייען.
ס'איז דאָרט אַ פאַראַד און אַ יאָנטעף,
צו אַקערן פעלדער און זייען.

מיר האָבן געהאַט פאַרגעניגן,
געזען זייער פיל אַף קאָלכאָזן;
אין שטאָט איז אונז אויך ליב די אַרבעט,
מיר קענען עס לאַנג ניט פאַרלאָזן.

אַ שעדיגערן

מיין קלייניקע שוועסטערל
פאַטערט די צייט
אַף שלאָפן און וויינען
און ניט זיין קיין לייט.

זי קען גאָר ניט העלפן,
בלויז שעדיגן, שטערן;
כ'וואָלט וועלן אַז זי זאָל
אַ שלאָגלערן ווערן,

און וואַקסן וואָס שנעלער
און ווערן שוין גרויס,
און שעמען זיך זיצן
באַ מאַמען אין שויס.

און זי זאָל זיין קליגער
און קענען פאַרשטיין,
אַז פאַר באָלשעוויקעס
איז וויינען ניט שיין.

זאָל עסן אַליין
און ווי מיר, פון אַ טעלער,
ניט פאַטערן צייט
און זיך אויסשלאָפן שנעלער.

ניט מאַכן קיין גוואַלדן,
ניט עסן אומזיסט,
ניט אויפפירן זיך,
ווי — אַ קאַפּיטאַליסט.

אַ רויט אַרמייער

(אַ צאַצקע, ניט קיין סימבאָל)

איך האָב אַ רויט אַרמייער,
אַ נייען ערשט געקויפט ;
ווי שיין ער קען מאַרשירן,
ווען ער איז אָנגעשרויפט.
ער גיט אַ דריי די אויגן
און גיט אַהויב די האַנט,
גייט אויס דעם גאַנצן צימער
און שלאָגט זיך אָפּ אָן וואַנט.

ער ווארפט זיך נאָך אַביסל
און נאָכדעם בלייבט ער שטיין ;
עס גייט אים אויס דאָס חיות,
ער קען אַ טראָט ניט גיין.
איך הייב אים אָן צו דרייען
און ער לעבט ווידער אויף ;
זעט אויס זיין גאַנצער לעבן,
ליגט נאָר באַ אים אין שרויף.

ער ווייס ניט און ער וויל ניט,
ווייל ער איז אַ מאַשין,
אַ מענטש איז זייער אַנדערש
אַשטייגער ווי איך בין.
כ'וויל הונדערט טויזענט זאַכן,
קען אַלצדינג טאָן אַליין ;
קען ריידן וויינען לאַכן,
קען פילן און פאַרשטיין.

צו זיין אַ רויטאַרמייער,
איז טאַקע זייער גוט,
נאָר ניט אזוי ווי מיינער,
וואָס ווייס ניט וואָס ער טוט.
ווען ער זאָל האָבן שכל
און קענען זען די וואַנט —
דאָס דאַרף איך נאָך דערפינדן,
ס'וואָלט זיין אינטערעסאַנט.

אַ מעשה מיט אַ בער

כ׳האָב געוואָלט זען וואָס עס טוט זיך
אינעווייניק, אין מיין בער,
האָב אַף שטיקלאַך אים צענומען
און אים מאַכן גאַנץ איז שווער.

צו מען דאַרף אַ דאָקטאָר האָבן,
צו מען דאַרף אַן אינזשעניר,
אָדער אפשר דאַרף מען קויפן
אין אַ קראָם אַ נייען בער.

האָב איך ניט געקענט באַשטימען,
זיץ איך מיר אַזוי און קלער
און אַרום מיר אָנגעוואָרפן
ליגן שטיקלאַך פון מיין בער.

זיינען קינדער אָנגעקומען,
מיך גערופן שעדיגער,
און זיי האָבן זיך צעשריען;
„קאָנטער רעוואָלוציאָנער!”

כ׳האָב געשוואָרן די חברים,
דאָס וועט ניט פּאַסירן מער
און עס איז געווען געזאַלצן,
די אַראָפּגעשלינגטע טרער.

דער אינזשיענער

איך האָב געקראָגן קלעצעלאַך
צו בויען וואָס איך וויל.
איך בוי מיר אוים אַ שטיבעלע,
אַ שייער און אַ מיל.

נאָר וואָס טויג איצט אַ שטיבעלע,
אַ שייער און אַ מיל ?
ס'איז קאָנטער רעוואָלוציע
און ס'איז ניט קיין שיינער שפּיל.

כ'על בויען גאָר אַ גרויסע בריק,
איך נעם עס בויען גלייך.
נאָר צו אַ בריק וואָלט זיך געפּאַסט
צו האָבן אויך אַ טייך.

מען קען אויך מאַכן טייכן
אַז מען איז אַן אינזשעניר,
נאָר איך בין אַן אָקטיאַבערל,
פאַר מיר איז דאָס צו שווער.

טאַלאַנטן

מיין פּאַפּאַ שפּילט פידל,
מיין מאַמע שפּילט פּיאַנאָ,
און איך וויל אויך שפּילן,
איך בין זיי מקנא.

מיין שוועסטער און איך,
אַז מיר נעמען זיך ביידע
צום פידל און פּיאַנאָ,
ווערט בייז אונזער זיידע.

ער זאָגט אַז ער קען זיך
קיין אָרט ניט געפינען,
אַז אונזער „מוזיק"
וועט אים טרייבן פון זינען.

וואו נעמט מען, זאָגט ער,
דעם באַרימטן דערפינדער,
וואָס האָט אַ דערפינדונג
צו איינשטילן קינדער.

מיין גרעסערער ברודער,
מיט זיינע פּיאַנערן,
זיי האָבן פאַרבאָטן
דעם זיידן צו שטערן.

נאָר ס'גלוסט זיך די פּיאַנאָ
און ס'ציט צו דער פידל;
אונז ווילט זיך אַ שפּילטאָן,
כאָטש איין שטיקל לידל.

וואָס טוט מען ? מיר מוזן
זיך לערנען די נאָטן !
ניט קענען און שפּילן,
דאָס איז אונז פאַרבאָטן.

אַ פּלעק אַף דער משפּחה

מיין טאַטע איז אַ מויערער
אַ שלאָגלער גאָר דער גרעסטער,
מיין מאַמע אַרבעט אין שפּיטאָל,
זי איז אַ קראַנקן-שוועסטער.

מיין אָנקל איז אַן אינזשעניר,
ער קען פאַרשטיין מאַשינען;
מיין טאַנטע ט׳מען אַוועקגעשיקט
אין דאַמבאַס — קוילן מינען.

מען דאַרף איר פּאַר א לעלערין,
זי קען אזוי פיל זאַכן.
עס אַרבעט יעדערער באַ אונז,
באַ גוטע שיינע פאַכן.

נאָר ערגעץ אין אַמעריקא,
שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן,
איז אונזערער אַן אָנקל,
וואָס איז דאָרט אַ באָס געוואָרן.

ער פאָרט אַרום אַף טורן
און ער׳ט ליב צו קריטיקירן;
ער ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך
און דאַרף זיך אַמוזירן.

ער זעט ניט אוים ווי ס׳איז אַ באָס
געמאָלן אַף פּלאַקאַטן,
אַ מענטש איז ער ווי יעדערער,
איז גראָטן אין מיין טאַטן.

מיין קלוגער פּאַפּאַ און די וועלט

מיין פּאַפּאַ איז אַ קלוגער
און ער קען אַלץ גוט דערקלערן.
אַ שאָד נאָר וואָס עס קענען
אַלע מענטשן אים ניט הערן.

נאָר איך קען הערן און פאַרשטיין,
די גרויסע קלוגע זאַכן,
און ווי מען מוז די גאַנצע וועלט
כסדר איבער מאַכן.

און וו עס דאַרפן אומעטום
די מענטשן אַלעם קריגן,
און אַרבעטן און שאַפן אַלץ
מיט פליים און פאַרגעניגן.

און ווי מען דאַרף אומוויסענהייט
און אָרעמקייט פאַרטרייבן,
ווי ס׳קענען מענטשן זיך פאַרשטיין
דורך לייענען און שרייבן.

און ווי עס דאַרפן פעלקער נאָר
פאַרנעמען זיך מיט בויען,
און איינס דעם צווייטן רעספּעקטירן
שעצן און געטרויען.

און יעדעס פאָלק מיט זיין טעכניק,
געניאַליטעט און ווילן,
דאַרף אין דער גרויסער וועלט סימפאָניע,
זיינע טענער שפּילן.

מלחמות זאָלן בלייבן בלויז,
אין ביכער און אין קינאָס,
און ס'זאָלן איינס דאָס אַנדערע,
זיך העלפן, די מדינות.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען יעדער וואָלט געקענט פאַרשטיין,
און וואָלט מיין פּאַפּאַן הערן,
וואָלט לאַנג ניט נעמען און עס וואָלט
די וועלט פאָלקאָמען ווערן.

אינהאַלט:

ווען קלוגע קינדער טראַכטן און פילן

א מאַמע — 7
די אייביקע ליבע — 9
מיין שיינע מאַמע — 11
די שיינע שכנה — 12
אין א דעפּאַרטמענט סטאָר — 13
געפאַנגענע — 15
א פּאָרטרעט פון א ברודער — 16
מיין ברודערל מיקי — 17
גרויסקייט — 18
א שלעכטער אינגל — 19
א פּראַדעזשיי — 21
צו זיבן אַפן אַכטן — 22
צוויי און איינס — 23
באַבי אונזער פויגל — 24
די וואַלד־סימפאָניע — 26
פענאָקעאָ — 27

די ליבע שטיפערלאַך

א ליבער שטיפער — 33
טאַלאַנטן — 35
אַ שטיפערס שטאַנדפּונקט — 36
פון אייזעניש קומט קיין
גוטס ניט ארויס — 37
אַ מיידעלע וואָס איילט זיך — 38
א מאָוויי־שטערן — 39
די טאַנטע — 40
אין הויז און אין גאַס — 41
ער וויים ניט וואָס ער וויל — 42
ארעמער פּרינץ — 43
א מעשה׳לע — 45
די צופרידענע קו — 46
שוואַנען ניט פון באַלעט — 48

אונזערע פריינט די מאַשינען

די ראַדיאָ — 51
מיר עסן א קאָנצערט — 52
א רייזע אין אַן עראָפּלאַן — 53
דער פּליענדיקער שטערן — 55
אין באַן — 56
די מואוויס — 58
אַ מיידעלע באַ דער ראַדיאָ — 59
דעם שכנ׳ס ראַדיאָ — 60
די בת יחידה — 61
שנעלקייט — 62
וואַש־טאָג — 63
טהאָמאַס עדיסאָן — 64

דאָס שלעכטע און ניט גערעכטע

דער האָליוואָוד פּעדלער — 69
מיני — 70
דער שיך פּוצער — 71
ביים שוסטער — 72
דער וועכטער — 73
דער אַלטער טראַק — 74
פּאָליסלייט — 75
ווער איז שולדיק — 76
דער דאָקטאָר — 77
מיין באָבע און דער האָן — 78
קאָנקורענטן — 79
אין חדר — 80
יאָסל קאָטלער — 83
אַ מאַמע וויגט איר צווילינג — 85
מלחמה — 86
די פּאַריזער קאמונע — 87
די קוילן גרעבער — 89

סאָוועטישע קינדער

באַם סאָוועטישן פּאַראַד — 93
עלעקטריק — 95
די קעמלען און די באַנען — 96
פערד און טראַקטאָר — 97
דער טראַקטאָר — 98
טאַנקען — 99
די ראַדיאָ — 100
אַף אַ קאָלכאָז — 102
אַ שעדיגערן — 103
אַ רויט אַרמייער — 104
א מעשה מיט אַ בער — 105
דער אינזשעניר — 106
טאַלאַנטן — 107
א פלעק אַף דער משפחה — 108
מיין קלוגער פּאַפּאַ און די
וועלט — 109